STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02202

KORTENSHPIEL

Meir Blinkin

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מאיר בלינקין.

קאָרטענשפּיעל

ערצעהלונג.

פּרייז 25 סענט

ארויסגעגעבען פון
שרייבער פּרעסס פּובלישינג קאָמפּאַניע.
437 גרענד סטריט, ניו יאָרק.

א.

דאָס שעהנע געזונדע לעבענס־דורשטיגע ווייבעל, האָט אונגעדולדיג ארומגעשפּרייזט איבער'ן צימער. זעהר אָפּט איז זי צוגעגאַנגען צום פענסטער, האָט עס אויפגעעפענט און זיך ארייבערגעבויגען. דער בייזער ווינד האָט חוצפה'דיג א שמייס געטאָן איהר אין פּנים אריין שפּאַרענדיג זי מיט אימפּעט צוריק. זי האָט זיך אָבער ניט אונטערגעגעבען, און פאַר כעס האָט דער ווינד צושויבערט און צופלאָכטען איהרע לאַנגע בלאָנדע האָר. פאַניען האָט דאָס זעהר ווייניג געקימערט. ער וועט ביי איהר ניט אויספיהרען. זי האָט בלויז ארומגעוויקעלט מיט א טיכעל די האָר און עפּטער און ווייטער אַרויסגעשטרעקט דעם קאָפּ.

אויף ווי ווייט איהר אויג האָט געגרייכט, האָט זיך פאַר איהר געשפּרייט א ווייס־בלישטשענדער ערטער־ווייז נאָך ניט בעטראָטענער שנעע — דאָרט געהט דוכט זיך ווער... משה געהט ! ניין, ס'איז ניט משה. וואָס־זשע זאָמט ער זיך היינט אזוי ?

זי ערוואַרטעט דעם מאַן. שטענדיג קומט ער צו דער צייט און שטענדיג צו דער צייט ווערט זי אונגעדולדיג. דעם גאַנצען טאָג איז זי אַליין, און אז ער קומט וויל ער נאָך מיט איהר נישט פערברייננגען.

פאַר זיין זאַמען זיך אזוי לאַנג וועט זי איהם אָבטהון א שפּי־צעל: פריהער דאַרף מען זיך אָנטהון. זי האָט זיך פערפּוצט אין א שעהנעם מאַנדעל־קאָליר קאָסטיום, א ראָז קעלנערעל, די האָר פערקעמט אַרויף און אַרומגענומען מיט א זיידענער הימעל־בלויער טאַשמעלע. זיך שפּיעגלענדיג א פּאָר סעקונדען איז איהר איינגעפאַלען אָנצוטהאָן איהר בעליעבטען העל־ברוינעם שירץ, וועלכער מאַכט זי נאָך שעהנער, יונגער און קינדערשער.

— מיט וואָס אַזוינס נאַרט מען איהם אָפּ?

אָבטהאָן דאַרף זי איהם עפּיס אַזאַ זאַך, אַז עס זאָל זיין פון וואָס צו לאַכען. זי וועט איהם ניט אָפּענטפערען, אַז ער וועט קלינגען. זאָל ער מיינען, אַז קיינער איז ניטאָ אין דער היים. נו? ניין דאָס טויג ניט! זי וועט גאָר לאָזען אָפען די טהיר און אליין וועט זי זיך ערגעץ־וואו בעהאַלטען. נו, און אויב ער ברייננגט מיט זיך אימיצען מיט? ניין, דאָס טויג אודאי ניט... אַט וואָס!.. זי וועט זיך אָנטהאָן אין מאָרגען־מאַנטעל, מיט א טיכעל אויף די האָר און וועט זיך מאַכען פערשלאָפען.

טרעפענדיג זי אינ׳ם מאָרגען־מאַנטעל וועט משה זיכער מיינען, אַז זי איז געשלאָפען און אַז דאָס האָט ער קלינגענדיג זי אויפגעוועקט. וועט ער צו איהר ווינקען, זי טאָרקען אויף שטום־לשון, זי זאָל געהען זיך איבערטהאָן. זי וויעדער וועט זיך מאַכען פאַר א גולם. זי פערשטעהט ניט וואָס ער רעדט צו איהר און דאַטס־אָלל... וועט ער זי דאָך אָנרופען ביים נאָמען: וואָס איז מיט דיר, פאַניטשקע! דאַמאָלט וועט זי מאַכען א בעוועגונג, ווי צום אַראָבוואַרפען פון זיך דאָס מאָרגען־מאַנטעל. „וואָס איז

מיט איהר אַזוינס געשעהן?" וועט ער אַ פערציטערטער זי אָנ־נעהמען ביים האַנד: — פאַניע, פאַניטשקע, וואָס ביסטו אַזוי פערשלאָפען! ערשט דעמאָלט וועט זי אויספלאַצען אין אַ געלעכטער, וועט פון זיך אַראָבוואַרפען דאָס מאָרגען־מאַנטעל, אַראָברייסען דאָס טיכעל פון קאָפּ און וועט בלייבען שטעהן אַ פערפוצטע... אי וועט ער בלייבען מיט אַ נאָז, אי, אי אי!...

טראַכטענדיג וואָס פאַר אַ שפּיעצעל אָבצוטהאָן דעם מאַן, האָט פאַניע דערווייל דערהערט טריט אויף די שטיעגען, זי האָט געשווינד אויפגעעפענט די טהיר און דערקענענדיג דעם מאַנ'ס גאַנג, האָט זי שנעל אויף זיך אַרויפגעוואָרפען דאָס מאָרגען־מאַנטעל, האָט קונציג אַרומגעדרעהט אַ טיכעל אַרום קאָפּ און איז אַ פרעהליכע געלאָפען צוריק צום טהיר. זי האָט די טהיר עטוואָס אויפגעעפענט, ס'איז קוים, קוים קענטיג געוועזען, אַז זי איז אָפען, און אַ בעגייסטערטע פון איהר אויפטהו, האָט זי אונגעדולדיג געוואַרט. ווען משה איז צוגעקומען צום טהיר, נאָך איידער ער האָט אָנגעריהרט דאָס עלעקטרישע גלעקעל, האָט זיך די טהיר פאַר איהם ברייט צועעפענט און מיט אַ גליקליך־פערשייטען שמייכעל אויף איהר געזונדען, פערפלאַמטען פנים האָט פאַניע איהם בעגעגענט.

— העללאָ בער באָי!...*)

משה האָט איהר געוואָלט אויסריידען הלמאי זי געהט צום טהיר אין לייב־מאַנטעל, דער סוף וועט זיין, אַז זי וועט אַמאָל זיך שטאַרק פערקיהלען. נור איידער ער האָט אויסגערעדט דאָס ערשטע וואָרט, האָט פאַניע געשיקט פונאַנדערגענומען דאָס

*) זעה צום סוף די פערטייטשונג פון די ענגלישע ווערטער.

מאַנטעל, און איינהילענדיג אין דעם משה׳ן, איז זי מיט דער פּלייצע פאָראויס, שטיפעריש געגאַנגען אין עס צימער, מיט־פיהרענדיג איהם מיט זיך.

העלפענדיג דעם מאַן אויסצוטהאָן דעם אויבער־ראָק, האָט פאַניע שקאָציש אריינגעלעגט די הענד אין זיינע קעשענעס—אין דעם בעוואוסטען פּלאַץ, וואו עס ליגען שטענדיג די מתנות, וואָס ער ברענגט איהר.

— זעה נור, איך האָב דאָך געמיינט, אז דו ביזט נאַקעט...

— וואָס נאָך ליעגט דיר אין זינען ? — האָט פאַניע פער־שייט געענטפערט.

דערפאַר האָט משה מיט זיינע קאַלטע הענד אָנגעריהרט פאַניעס פערפלאַמטע באַקען. זי איז פון איהם אָבגעשפּרונגען און זיך חנ׳עוודיג אָנגעבייזערט : אַי וואָס פאַר אַ שלעכטער דו ביזט... קיין ברעקעל רחמנות...

— קאַלד ?...

פאַניע האָט זיך געמאַכט ברוגז און האָט איהם ניט גע־ענטפערט.

משה האָט גרויסמוטהיג געקוקט אויף פאַניען און געשמיי־כעלט. ער האָט אויף איהר געקוקט מיט דעם בעזונדער־גליקליך צופריעדענעם קוק פון אַ מענשען, וועלכער שעצט זיך זעהר הויך, נור דאָך גיט ער צו אז עס זיינען גאָר ניטאָ קיין מענשען אָהן קיין חסרונות און אַז אפילו ער אליין, האָט אויך געוויסע שוואַכ־קייטען.

— און אַז דער מאַן ברייננגט איינמאָל ניט קיין פּרעזענט

איז שוין עק וועלט, אוים, דארף מען שוין אויף איהם זיין ברוגז!... ער האָט זיך געסטארעט צו זיין ערנסט, זיין קול זאָל איהם ניט פערראטהען.

פאַניע האָט זיך הילכיג און מונטער פונאנדערגעלאכט.

— וואָס זשע, פאַניעטשקע, ביזט ניט ברוגז?

— אי געה, ביזט א נארעלע!

— פאר וואָס, פאַניעטשקע, בין איך א נארעלע?

— אָהן א פאר וואָס...

— גאר אָהן א פאר וואָס, ווי קען דאָס זיין?

— זאָגט מיר נור מר. מאנילאָוו, וואָס האָט איהר זיך היינט, עפּעס אזוי לאַנג געזאַמט?

— ווי עס זעהט אוים, פאַניעטשקע, בייגקסטו שטארק נאָך מיר, יעם?

— נישט אזוי נאָך אייך, מיסטער, ווי נאָך אייערע פרע־זענטען...

— אזוי גאָר... טע־טע־טע־טע, ביזטו דאָך טאקע נישקשה פון א נארעלע. וואָס זשע, פערשטעהסט שוין גאָר קיין שפּאַס ניט?

— מיין גאַנץ לעבען איז א שפּאַס!

משה האָט אויף איהר א קלוגען קוק געטהאָן: — זאָג מיר נור, ווער האָט דאָס דיך געמאכט פאר אזא פילאָזאָפקע?

פאַניע האָט ניט געקענט ביישטעהן דעם נסיון פונ׳ם מאַנס שמייכעל און זי האָט גוטמוטהיג געענטפערט: — אז דער מאַן איז א פילאָזאָף, איז די ווייב א פילאָזאָפקע! משה איז צוגע־

גאַנגען צו פאַניען מכלומרשט אַ קוק טהאָן אויפ'ן שירץ, נור פּאָר איינס האָט ער זי שוין ארומגענומען ארום דער טאַליע...

— דו ביזט דאָך נישקשה פון אַ ווייבעל...

— סאַ־משל, אַ ווילדער פּאַרשוין!

— ביזט כאָטש אַ מבין אויף דער קעלט... אַה, געפעהרליך...

— דאון־טאון איז אויך אזוי קאַלט?

— די קעלט, ווי די קעלט, נור דער טומעל, דאָס האוועניש, גאָט מיינער! איך זאָג דיר פאַניע, אז מען טרעט ממש אָב די פיס איינס דעם אנדערען. נישט נור קען מען ניט דורכגעהן אויף די סיידוואָקס, נור אפילו אין מיטען גאָס רייסט מען אויך אָב די זייטען.

פאַניען האָט זיך אויסגעדוכט, אז משה דערצעהלט עס מיט אַ געוויסער כונה.

— וואָס איז איצט עפּעס ערגער ווי תמיד?

— ס'איז גאָרנישט ערגער, נור אז מען געוואוינט זיך אָב!

משה האָט גענומען אַ שטיקעל האַרטען ברויט פון טיש און דאָס אָנגעהויבען קייען.

— ווילסט עסען?

— וואָס פרעגסטו, פאַניטשקע, איך בין הונגעריג ווי טויזענד הינד.

פאַניע איז אוועקגעלאָפען אין קיך נאָך עסען, און משה האָט זיך בענוצט מיט דער געלעגענהייט, ער האָט ארויסגענומען פון רעקעל אַ פּאָר שעהנע, ווארעמע האנד־שוה, שטיל אויף די שפּיץ פינגער, זיך אריינגעכאפּט אין שלאָפצימער, זיי אוועקגע־

לייגט אויפ׳ן קאַמאָד און האָט זיך צוריקגעקעהרט, נאָך איי־דער פאַניע איז אריינגעקומען מיט׳ן עסען. באַלד איז אריינגע־קומען פאַניע מיט א ווייסער, פאַרצעלייענער וואַזע, פון וועלכער עס האָט געשלאָגען א הייסער אָטהעם.

— דו ווייסט משה, אַז איך האָב היינט געמאַכט דיין מאכל?

— פון וואַנען האָסטו געוואוסט?

— וואָס?

— וואָס איך וויל?

— נאַרעלע, ווער דען זאָל ויסען!

— האָסט געקאָכט א באָרשטש?

— און העלזלאָך אויך — האָט פאַניע שקאַציש א וואונק געטהאָן צו איהם מיט די אויגען.

— ביזט א גאָלד, פאַניע.

— און דו ביזט א זילבער... האָט זי געשפּאַסט — משה׳־לע... האָט פאַניע ניט זיכער מיט זעהר א בעטענדיגען טאָן זיך געווענדעט צום מאַן.

— וואָס, מיין פּילאָזאָפקע?

— ועסט מיט מיר היינט שפּיעלען?

— היינט טהייערע בין איך פערנומען!

— נור פערנומען, נור ביזי!...

— אז מען דארף, דארף מען.

— דארף מען, ווען דארף מען ניט? אָבער לעבען דארף מען — צו ניט?

— וואָס זשע, פאַניע, דאָס גאַנצע לעבען בעשטעהט נור אין שפּיעלען „פּויקער“ אָדער „פּינאַקאַל“?

פאַניע האָט זיך בעליידיגט און איהם גאָרנישט געענטפערט. און זי איז גערעכט אויך. ערשטענס, איז פון איהם ניט שעהן פאָרצואווארפען איהר פּויקער אָדער פּינאַקעל, וועלכע שפּיע־לען זי קען אפילו ניט און האָט אין זיי קיינמאָל ניט געשפּיעלט. צווייטענס האָט ער אליין זי דאָך אויסגעלערענט שפּיעלען אי־בערהויפּט, און אין איהר ענטוויקעלט דעם חשק דערצו, און דריטענס, וואָס דאָס איז די הויפּט זאַך — זי האָט דאָך ווירק־ליך ניט מיט וועמען צו פערברענגען. און ווער איז אין דעם שול־דיג, אז ניט ער אליין? נור משה'ן האָט זיך אויסגעדוכט, אז איהרע טענות נעהמען זיך מעהר דערפון, וואָס אַנומעלט האָט ער איהר צוגעזאָגט ברייגנען זיינעם א גוטען פריינד, א לאַנדס־מאַן, זעהר א געבילדעטען מענשען און א גרויסען קענער אין „זעקס און זעכציג“. משה האָט זיך ניט געקענט צוריקהאַלטען פון ניט א שמייכעל צו טהאָן, בעת פאַניע האָט זיך בעקלאָגט אז זי לעבט ניט.

פאַניען איז ניט געפעלען געוואָרען זיין שמייכעל און זי האָט זיך נאָך מעהר בעליידיגט. בעמערקענדיג דאָס, האָט זיך משה דערשראָקען, טאָמער האָט פאַניע פערשטאַנען זיין מיין, און בכדי צו פערגלעטען די גאַנצע געשיכטע, האָט ער מיט א זיכערען טאָן געזאָגט:

— אלזאָ, מאָרגען ברענג איך יודינען, ועסטו שוין האָבען מיט וועמען צו פערברייננגען.

— מאָגסט איהם ניט ברייגגען, מיר געהט ער ניט אָב.

משה האָט זיך אביסעל דערשראָקען פאַר פאַניעס טאָן. ער האָט זיך געשראָקען, אז זי זאָל זיך ניט צו וויינען און איהם זאָגען, אז זי איז ביי איהם פערשפּאַרט אין א גאָלדענער שטייג, אז זי זעהט קיין מאָל ניט קיין לעבעדיגען מענשען, און אז זי איז ניט קיין בהמה, וואָס אבי זי האָט עסען דאַרף זי שוין מעהר קיין זאַך נישט א. ז. וו. די אַלע רעד זאָגט איהם פאַניע די לעצ־טע צייט גאַנץ אָפט, כמעט שוין צו אָפט, און אזוי ווי ער אַליין פיהלט, אז א גרויסער טייל פון דעם וואָס זי זאָגט איהם, איז קרוב לאמת, וויל ער זעהר עס אויסמיידען.

— געה טייערע ברענג מיר מיין שרייב־געצייג, איך וועל אָנשרייבען עטליכע לעטערס, און, אז איך וועל פערטיג ווערען וועלען מיר נאָכדעם פערברענגען. וואָס זשע זאָל מען טאָן, אז אַלץ מוז מען אליין. דו ווייסט דאָך, אז מיט פרעמדע הענד, איז נור גוט פייער צו שאַרען...

פאַניע איז אוועקגעגאַנגען נאָכ׳ן שרייב געצייג און האָט זיך פערזאַמט.

משה האָט ניט פערשטאַנען, וואָס זי זאַמט זיך אזוי און איז געוואָרען אונגעדולדיג.

פּלוצלונג האָט זי זיך אזוי הילכיג און מונטער צולאַכט, אז משה האָט זיך אזש דערשראָקען פאַר איהר געלעכטער און זיך געלאָזט געהן איהר אנטקעגען. ער האָט געהאַט פערגעסען זיין גאַנצען אויפטהו מיט די האַנד־שוה. ערשט, ווען פאַניע, א גליק־ליכע האָט צו איהם א געשריי געטהאָן: אוי דו בלאָפערעל, האָסט מיך געוואָלט אָב־בלאָפען, האָסט געמיינט, אז איך׳ל ניט פער־

שטעהן, אַז דאָס האָסטו געבראַכט די גלאָווס... ערשט דאַמאָלט האָט זיך משה דערמאָנט אין זיין גאַנצען אויפטהו.

— געפעלען דיר די גלאָווס?

פאַניע האָט אַ ווײלע אויף איהם געקוקט מיט ליעבליך אָנפערטרויליכע בליקען, און נאָכדעם, אין איין אָטעם, אזוי ווי עס וואָלט זי ווער אַ שטוים געטאָן, איז זי צוגעלאָפען צו משה׳ן און האָט איהם אַרומגעכאַפּט קושען.

— דו ווייסט דאָך אַליין, אַז איך בין גערעכט. ס׳איז דען אַ חרפּה צו שפּיעלען אין קאַרטען ביי זיך אין הויז? ווייז מיר, איין הויז, וואו מען שפּיעלט ניט אין „קאַסינאָ“, „פּינאַקעל“, „וויסט“ אָדער גאַר „פּאָוקער“?... האָסט דאָך מיר אַליין געזאָגט, אַז דו וואָלסט וועלען איך זאָל צו אונז איינלאַדען מיסעס רעזניק מיט איהרע פריינדינס, זיי זאָלען מיר אויסלערנען שפּיעלען אין „וויסט“, אַבי ס׳זאָל מיר זיין פרעהליכער... האָסטו עס דען אַליין ניט געזאָגט? דערוויל — ביז וואָס־װען, ביז זיי וועלען מיך אויסלערנען, דאַרפסטו מיט מיר שפּיעלען. און אַז מען האָט קיין צייט ניט צו שפּיעלען — שפּיעלט מען ניט! צו וואָס אָבער איז דאָס שרייען, פערדין איך דען, אַז מען זאָל אויף מיר שרייען?

פאַניע האָט צו איהם גערעדט אזוי הארציג, אזוי אמת׳דיג, אַז משה איז גערירט געוואָרען. ער האָט אויף איהר אויפגעהויבען די אויגען, און לאַנג געקוקט, מיט אַ ריינעם, עהרליכען קוק, ריין פון יעדער גראָבער ליידענשאַפט, און טראַכטענדיג בשעת מעשה וועגען זיך, אַז אין אמת׳ן איז ער דאָך ניט אַזאַ מלאך, ווי זי, פאַניע, שטעלט זיך איהם פאָר, אַז זי איז טויזענדער מאָל

פיינער און אויפריכטיגער פאַר איהם, און, ער האָט דאָס ערשטע מאָל, זינט זי איז זיין פרוי, דערפיהלט צו איהר א געפיהל פון אכטונג און דרך ארץ. ער האָט זיך דערפיהלט שטאָלץ און גליק־ליך מיט איהר, נור ניט דערמיט, וואָס זי איז זיין פרוי, וואָס ער בעזיצט זי — ניין, דער סאָרט שטאָלץ, איז גראַד איצט, אין דיעזען אויגענבליק פערשוואונדען — ער האָט זיך דערפיהלט שטאָלץ דערמיט, וואָס ער פערמאָגט זי פאַר א פריינד, זי, אזא ריינע, אמת׳ע, אונשולדיגע — זי, וואָס ליעבט איהם אזוי, שעצט איהם און גלויבט אין איהם. דער געדאַנק, וואָס זי גלויבט איהם אזוי, האָט זי נאָך העכער אויפגעהויבען אין זיינע אויגען, איהם וויעדער האָט עס אביסעל דערנידעריגט. ער האָט געהאַט דאָס געפיהל, ווי איהר ריינער כאַראַקטער, איהר אויפריכטיגקייט וואָלט געוועזען אַן אָפענע און שאַרפע בעשולדיגונג געגען איהם, געגען זיין ביטרען, ניט אויפריכטיגען בענעהמען זיך, קעגען זיי־נע אַלע מיאוסע און שלעכטע געדאַנקען וועגען איהר.

ווען ער וואָלט איהר קענען זאָגען, ווי שטאַרק ער ליעבט און שעצט זי, אויף וויפיעל ער שטעלט זי העכער, ווי זיך, אז אין פערגלייך מיט איהם איז זי א מלאך, וואָלט ער זיך מחיה גע־וועזען. עס וואָלט איהם ניט בעלעסטיגט אזוי, דאָס גוטע, דאָס גאַנצע וואָס אין איהר. משה האָט זיך פערשעהמט און איז אומע־דיג געוואָרען.

אין גיכען האָבען זיי זיך געלעגט שלאָפען. אויפ׳ן געלעגער האָט פאַניע געזאָגט צום מאַן: — אז מיר וועלען האָבען א טעכ־טעריל, וועל איך זי ניט חתונה מאַכען פאַר קיין ביזנעס־מאַן, קיין מאָל אין לעבען ניט...

— פאַר וואָס, טייערע?

— אזוי...

— בין איך דען אזאַ שלעכטער?

איצט אין דעם מאָמענט האָט פאַניע ניט געוואוסט, וואָס איהם צו ענטפערען. זי האָט בעהאַלטען דעם פּנים אין משה'ס פּלייצע און איז איינגעשלאָפען.

בײנאַכט האָט זיך איהר גע'חלום'ט, אז משה האָט מיטגעבראַכט זיין לאַנדסמאַן, און אז דער לאַנדסמאַן האָט זעהר לאַנגע, דאַרע הענד, אַזעלכע לאַנגע אַז ביז צו דער ערד. זי האָט זיך פון שרעק דורכגעוואָרפען, דריי מאָל אויסגעשפּיגען און איז ווידער איינגעשלאָפען.

פאַניען האָט אויפגעוועקט אַ זונען־שטראַהל, וואָס האָט זיך דורכגעשלאָגען ביים ברעג, וואו דער פאָרהאַנג איז געוועזען פערבויגען.

דערפיהלענדיג אויף זיך דעם שטראַהל, האָט זיך פאַניע אַ גליקליכע אויפגעזעצט, און אויפ'ן הארצען איז איהר געוואָרען אזוי גרינג און ליכטיג, ווי גרינג און ליכטיג עס איז אויפ'ן הארצען ביי קינדער די ערשטע טעג פריהלינג. זי האָט זיך וואָס פרעהליכעס דערמאָנט, און אַ גליקליכער שמייכעל האָט זיך צונאָסען איבער איהר פּנים.

דאָס ערשטע האָט זי גענומען אויפראַמען אין שטוב. זי האָט פלייסיג אָבגעאַרבייט אַ פּאָר שטונדען; געקעהרט, געפּוצט ביז יעדע ווינקעלע האָט אָנגעהויבען לויכטען. זי איז געוועזען אזוי פערטיעפט, אזוי איבערגעבען צו דער אַרבייט, אַז זי האָט

אפילו עסען פערגעסען. נור ווען זי האָט מיט אמאָל דערפיהלט א שטאַרקען הונגער, האָט זי שנעל איבערגעביסען, און האָט זיך זעלבסט אַנגעהויבען אויסצופוצען. א היבשע ווײַלע איז זי אָב־געשטאַנען ביים שפּיעגעל. דער עיקר האָבען זי אויסגעמאַטערט די האָר. עטליכע מאָל האָט זי זיי פערקעמט און צואוואָרפען און ווידער פערקעמט. ערשט, ווען א שכנה איז אריינגעקומען וואָס לייהען, און האָט ביי איהר געפרעגט צוליעב וואָס זי פּוצט זיך היינט אזוי, האָט זיך פאַניע געכאַפּט, אַז זי פּוצט זיך ווירקליך צו לאַנג. און צוליעב וואָס? זי האָט דער שכנה ניט געזאָגט דעם אמת, זיך אַליין אויך ניט. „וואָס איז שייך צוליעב וואָס, מען דאַרף דאָס תמיד זיין פערשמירט? זי מאָג אויך אמאָל זיך אויספּוצען!"

אַז זי איז פערטיג געוואָרען מיט איהר אייגענעם טואַלעט, האָט זי זיך גענומען צוצוגרייטען אבענד ברויט. געוואָלט האָט זיך איהר זעהר מאַכען היינט, צוליעב'ן גאַסט (זי איז זיכער גע־וועזען, אַז משה וועט מיטברייינגען זיין לאַנדסמאַן) אַן אויסער־געוועהנליכען מאָלצייט, נור זי ווייסט אַליין ניט, וואָס עס האָט זי ניט דערלאָזט, און זי האָט געמאַכט א גאַנץ פּשוט'ען מאָל־צייט. טראַכטענדיג וועגען גאַסט, איז פאַניען ווידער ארויף אויפ'ן זינען מיסעס רעזניק. וויפיעל מאָל משה האָט מיט איהר גערעדט וועגען מיסעס רעזניק, איז כמעט שטענדיג רעדט ער פון איהר עפּעס אזוי מאָדנע, אקוראַט, ווי זי וואָלט געוועזען זעהר ניט קיין פיינע פרוי, און ער משה, וואָלט זי זעהר פיינד האָבען, דאָך בעת זי קומט אמאָל צו זיי צו גאַסט, נעמט זי משה אזוי פריינדליך אויף, אקוראַט ווי ער וואָלט ווירקליך זיך שטאַרק

געפרעהט מיט איהר קומען. דאָס לעצטע מאָל, נאָך מיסעס רעז־ניקס אוועקגעהן, האָט משה צו איהר געזאָגט: — דו, פאַ־ניעטשקע, ביזט ביי מיר אַ הייליגע, אַ כשר'ע... טויזענד מיסעס רעזניקס, ווען זיי וואָלטען געוועזען נאָך שעהנער פאַר דיר, וועל איך ניט פערבייטען פאַר דיין טראָט. אפילו די ערד, אויף וועל־כער דו טרעטסט, איז פיינער פון איהר. אזעלכע פרויען ווי זי, דאַרפען האָבען די גרעסטע זכיה, אז דו רעדסט מיט זיי אויס אַ וואָרט". פאַניען האָט שטאַרק פערדראָסען, וואָס ער רעדט אזוי שלעכט וועגען מיסעס רעזניק. איז זי ווירקליך ניט קיין פיינע פרוי, טאָ נאָכטאָל רעדט ער זי צו, אז זי זאָל ווערען נע־הענטער מיט איהר? זי דאַרף מיט איהר ניט זיין קיין חבר'טע אויף אזא'ן אופן. ער אַליין דאַרף עס ניט דערלאָזען...

ב.

שוין דריי יאָהר אַז משה מיט פאַניען האָבען חתונה געהאַט. זי איז וואונדער־שעהן. שלאַנק און פול מיט גראַציע. איהר פּנים איז אַ ווייסער אַ מאַטאָווער, אויף וועלכען עס שפּיעלט מעהר־סטענטיילס אַן אונשולדיג־לייכטע פערשייטקייט. אַלע געזיכטס־ציגע זיינען ביי איהר מעסיג און חנ'עוודיג. אויגען האָט זי בלויע פערטרוימטע, אַ האַלז אַ הויכען, אַ ווייסען, האָר בלאָנדע, רייב־געקרויזעלטע, ווייכע. אַלעס אין איהר, נישט נור יעדער אבר בע־זונדער, נור יעדער שטריך, יעדע בעוועגונג איהרע, איז אַ זאַנפ־טיגער צאַרטער אַקאָרד פון דער פרישער געזונדער יוגענד. פאַר איהר שעהנקייט האָט זי דאָך משה גענומען. צוריק מיט דריי יאָהר, איידער זיי האָבען חתונה געהאַט, איז פאַניע נישט גע־וועזען אַזוי שעהן, ווי זי איז איצט. דאַמאָלסט איז זי געוועזען אַביסעל יונגער און פיעל מאַגערער. זי האָט דאַן אויסגעזעהען, ווי אַ רויז איידער זי נעהמט זיך פאַנאַנדער.

משה איז עלטער פון איהר מיט אַכט יאָהר. פאַר דער חתונה איז ער געוועזען פיעל שעהנער, ווי ער איז איצט. ער איז די זעל־ביגע וואוקס וואָס פאַניע. אַ שטאַרק־געבויטער יונגערמאַן מיט אַ געזונד פאַרביג פּנים, מיט קלוגע לעבענספולע און לעבענס־דורשטיגע אויגען.

זייענדיג א געזונדער פערמעגליכער בחור, האָט ער גיך אויסגעפונען, אז עס איז גאָר קיין איין רעכטע פרוי אויף דער וועלט נישטאָ, און דערפאַר האָט ער געוואָרפען אַן אויג אויף פאַניען. פאַניע איז געוועזען אַן ארעם עלענד קינד און צו היינטיגען טאָג האָט זי דאָ קיינעם ניט, אויסער איהם. משה האָט אזוי געטראַכט: זי איז נאָך זעהר יונג. דער שאָפּ האָט נאָך אויף איהר ניט אָפּגעדרוקט זיין אויסגעלאָסענעם שטעמפּעל, דערצו איז זי דאָך אזוי עלענד איינזאַם, היינט אז ער, אזא רייכער בחור, וועט זי נעהמען, וועט זי עס זיכער תמיד געדענקען. די איינציגע זאַך פון וואָס משה האָט געהאַט פערדרוס, טראַכטענדיג וועגען פאַניען, איז וואָס זי איז געוועזען אזוי מאָגער. אָבער האָט ער געהאָפט, אז ביי איהם, אין וואוילטאָג, וועט זי ווערען געזינדער און דיקער. ער האָט ניט אָבגעלעגט אין דער לאַנגער באַנק און געמאַכט פאַניען א פאָרשלאָג.

פאַניע האָט באַין אופן ניט געקענט גלויבען, אז משה זאָל עס מיינען ערנסט. ווי קומט זי צו איהם? ער, א שעהנער רייכער בחור, ער קען דאָך נעהמען פינף טויזענד דאָלאַר נדן. אייבערצייגענדיג זיך אָבער, אז ער מיינט עס טאַקע אין אמת'ן, האָט זי געוועהנליך מיט פערגעניגען צוגעשטימט. און גאָר אין גיכען האָבען זיי חתונה געהאַט. און טאַקע גאָר אין גיכען איז פאַניע געוואָרען געזינדער און שעהנער. ווען משה איז וואוהין געקומען מיט איהר, האָבען די מענער אזוי מאָדנע אויף איהר געקוקט, אז קיין זאַך איז איהם ניט איינגעגאַנגען. זאָגאַר אויף זיינע אייגענע שוועסטער קינדער, אויף זיינע אָנקעלס איז ער ברוגז געוואָרען פאַר זייער צופיעל פריינדליכקייט צו פאַניען, און האָט מיט איהר

אויפגעהערט צו זיי צו קומען. מעהר פאַר אַלץ האָט איהם געשראָ־קען אז פאַניע זאָל זיך ניט דערוויסען, אז זי איז זעהר שעהן, אז יעדער וואָלט זי וועלען איינשלינגען מיט די אויגען.

אַלע צוויי דריי חדשים פלעגען זיי זיך ביידע אָבוועגען און ניט איינמאָל, אז פאַניע האָט געוואונען אין וואָג, האָט משה מיט א שמייכעל צו איהר געזאָגט: דו זעהסט, פאַניעטשקע, קאַפּי־טאַל, אז מען לייגט אריין אין א גוטער באַנק, איז מען שטענ־דיג ניט נור זיכער מיט'ן קרן, נור אויך מיט'ן פּראָצענט.

פאַניע האָט פערשטאַנען, אז דעם קרן — דאָס מיינט ער זי; דעם פּראָצענט — די וואָג, וואָס זי געווינט. און יעדעס מאָל ווען ער האָט עס איהר געזאָגט, האָט זי צאַרט געשמייכעלט קוקענ־דיג איהם אין די אויגען מיט דאַנקבאַר־פערטרוילינכע בליקען.

וואָס בעסער ביי משה'ן געהען די געשעפטען, וואָס מעהר ליעבע און פריינדשאַפט פאַניע ווייזט איהם ארויס, אַלץ אונרו־היגער ווערט ער, אַליין ניט וויסענדיג פאַר וואָס. עס איז ביי איהם געוואָרען כמעט א רגילות, אָפּט אויספרעגען ביי פאַניען, ווי אזוי שטאַרק זי ליעבט איהם, צו זי וועט אייביג זיין איהם טריי און דאָס גלייכען. די געשפּרעכען קומען געוועהנליך פאַר אויפ'ן געלעגער, אויף אזא מין אופן:

— האָסטו מיך איצט אויך ליעב ווי אַמאָל, באַלד נאָך אונ־זער חתונה?

— איך האָב דיך, משה'לע, נאָך טויזענד מאָל ליעבער...

— וועסטו, פאַניעטשקע, מיך אייביג אזוי ליעב האָבען?

— אייביג משה'לע, אייביג...

— און צום ביישפּיעל, אַז איך זאָל שטאַרבען?

— רעד ניט אַזוי... שרעק מיך ניט...

— ווערסטו מיר אייביג בלייבען טריי?

— איך'ל זיין דיינע, משה'לע אייביג... אייביג די ערשטע און די לעצטע, וועל איך זיין דיינע...

משה האָט פערשטאַנען, אַז דאָס מיינט זי צו זאָגען: דו וועסט זיין מיינער דער ערשטער און דער לעצטער, נור ער האָט איהר קיין מאָל דעם טעות ניט פערריכט. אדרבא, וואָס מעהר מאָל ער האָט עס פון איהר געהערט, אַלץ טייערער איז עס איהם געוואָרען צו הערען. מיט דעם גופא, וואָס פאַניעטשקע זאָגט עס מיט'ן גאַנצען הארצען ניט ווימענדיג די ריכטיגע בעדייטונג פון איהרע אייגענע רעד, מיט דעם גופא, איז ער זיכער, אַז איהרע רעד זיינען אמת'ע. אין די דאָזיגע מאָמענטען וואָס ער האָט מיט פאַניען געפיהרט די געשפּרעכען, איז ער געוועזען זעהר גליק־ליך. זיין גליק איז אָבער געוועזען אַ מאָמענטאַנער. אויף מאָר־גען נאָך אזא געשפּרעך, האָט זיך איהם געדוכט, אַז פאַניע טראַכט וועגען אַן אַנדערען, אַז זי האָט אימיצען. דאָס ענטפּערט זי איהם מיט אַ כיון אַזוי, כדי איהם אָבצונאַרען און בערוהיגען. און דער וואָרים פון צווייפעל האָט איהם ווידער אָנגעהויבען זויגען, די אייפערזוכט האָט איהם אויסגעמאַטערט נאָך ערגער איידער ער וואָלט געטאָן די שווערסטע פיזישע אַרבייט.

לעבען אַזוי אין שטענדיגען שרעק, אין שטענדיגער ניט זיכערקייט, איז פאַר משה'ן אונמעגליך געוואָרען. ער האָט אָנ־געהויבען זוכען עפּעס אַ וועג אַ מיטעל, אַז בעת ער איז ניטאָ

אין דערהיים, זאָל ער זיך ניט דאַרפען שרעקען, איבערטראַכ־טען...

און געדאַכט האָט זיך איהם, אַז ניט צוליעב זיך וויל ער עס טאָן, נור צוליעב עפּעס אַ צווייטען וואָס אין איהם, וועמען ער דאַרף איבערצייגען אין פאַניעס ריינקייט, אין איהר עהרענהאַפ־טיגקייט. ער האָט געטראַכט אַרויסצוציהען הינטערען שטאָדט. צום ביישפּיעל וויט אין די בראָנקס, נעהמען אַ גאַנצען גאָרען פאַר זיך, איינקויפען אַ סך און דאָס שעהנסטע מעבעל... האָבענ־דיג אויף זיך אַליין אַ גאַנצע הויז מיט בעלי בית׳שקייט, וועט שוין פאַניע זיין אַזוי פערנומען דעם גאַנצען טאָג, אַז זי וועט לחלוטין קיין צייט ניט האָבען וועו צו טראַכטען וועגען עפּעס אַנדערש. דערצו טאַקע איז אין די בראָנקס דאָס לעבען ניט אַזוי ראַשיג, ווילד, ווי אין ניו יאָרק. און אַזוי האָט ער געטאָן. אַלעס אין הויז האָט ער געקויפט, וואָס פאַניען איז געפעלען געוואָרען, וואָס זי האָט אויסגעקליבען.

און זיין חשבון איז געוועזען אַ ריכטיגער. אָנפאַנגס איז פאַניע געוועזען אַזוי פערנומען מיט דער שטוב אַרבייט, אַז זי איז דורכ׳ן טאָג קוים פערטיג געוואָרען. וואָרום זי האָט דאָך אַליין געדאַרפט קאָכען אויך. משה איז זעהר צופריעדען געוועזען מיט זיין אויפטהו. די אייפערזיכטיגקייט, וואָס האָט איהם געפּייניגט ווי אַ שטענדיגער צאָהנ־וועהטאָג, איז בעדייטענד פערקלענערט געוואָרען, און פיהלענדיג זיך רוהיגער, האָט ער זיך ווידער לייי־דענשאַפטליך צוגעכאַפּט צו זיין געשעפט און האָט געזעהען צו „מאַכען" וואָס מעהר געלד.

יעדען טאָג, שפּעט און אבענד, האָט פאַניע קוים זיך דער־

וואָרט אויף משה'ן. אָבער נאָך איידער ער האָט אָבגעגעסען, איז אויב ער איז ניט איינגעשלאָפען ביים עסען, האָט ער זיך פערנומען מיט געשעפטס־בריעף, חשבונות און עהנליכעס. גאַנצענע אבענדען איז פאַניע אָבגעזעסען אליין א בעליידיגטע, מיט פערלאָפענע אויגען מיט טרעהרען און האָט געוואַרט און געדולדעט אליין ניט וויסענדי גאויף וואָס און צוליעב וואָס זי וואַרט. עס האָט ניט איינמאָל געטראָפען אז משה האָט צו איהר געזאָגט, ניט אויפהויבענדיג די אויגען בשעת מעשה:

— פאַניעטשקע, פאַר וואָס געהסטו ניט שלאָפען?

דאַמאָלסט האָט זיך פאַניע שטאַרק צואוויינט, און אין עלענדע, א נידערגעשלאָגענע זיך געלייגט שלאָפען. משה האָט נאָכדעם זי געקושט, זיך פערענטפערט, און פאַניע האָט איהם גלייך מוחל געווען און זיך ווידער געפיהלט גליקליך. אזוי האָט זיך עס געצויגען א לענגערע צייט, ביז זיין אויפפיהרונג האָט פאַניען געמאַכט רעדענדיג. און איינמאָל אָננעהמענדיג זיך מיט מוטה, האָט זי איהם געזאָגט, אז זי איז בעסער מקנא די פרויען וואָס זיינען ארעם, וואָס פערמאָגען ניט אזא הויז ווי איהרע, אבי זיי האָבען שטענדיג זייערע מענער און פערברייננגען מיט זיי.

איהרע רעד האָבען משה'ן שטאַרק דערשראָקען. ער האָט זיי צוגעגעבען א פּיעל טיעפערען אינהאַלט ווי זיי האָבען אין אמת'ן אין זיך געהאַט, און ער האָט אָנגעהויבען מיטנעהמען פאַניען מיט זיך אין קראָם. אָבער ערשט דאָ האָבען זיך אָנגעהויבען זיינע ליידען. במעט פונ'ם ערשטען טאָג אָן, וואָס ער האָט זי מיטגעבראַכט אין קראָם, האָבען צו איהם אָנגעהויבען קומען קונים פון אלע עקען. אָבער ניט צוליעב זיין גוטע סחורה, וואָס האָט א שם

געהאַט, איז מען געקומען — מען איז געקומען פון אומעדום קו־קען אויף זיין שעהנער פרוי. דערצו האָבען זיינע מענשען פער־לאָרען די קעפּ... איז נור פּאַניע געוועזען אין אַ געוויסער טייל פון געשעפט, אַזוי האָבען זיי דאָרט אַלע געפּאַדיעט ווי ביהנען אַרום האָניג. עס וואָלט זיי ניט נמאס געוואָרען גאַנצע טעג און נעכט שטעהן נעבען איהר און קוקען אויף איהר. זיי האָבען זיך אַזוי נאָכגעגעבען זייער פערלאַנג, אַז זיי האָבען פערלאָרען יעדער מאָס און גרענעץ. כסדר האָבען זיי צווישען זיך געריעדט נור וועגען איהר, זיך געוויצעלט אויף איהר חשבון. משה פלעגט צייטענווייז ווערען אַן אויפגעקאָכטער, און דערצו האָט ער זיך נאָך געדאַרפט מאַכען פאַר אַ תם וואָס פערשטעהט ניט און ווייסט ניט וואָס דאָ קומט פאָר אַזוינס.

ווער שמועסט אַז גאָט האָט געהאָלפען, אַז די קראָם איז געוועזען אָנגעלאָדען מיט קונים און מען האָט געדאַרפט דער־ווייזען די גוטסקייט פון דער סחורה, דאַמאָלסט האָבען זיך גע־שאָטען אַזעלכע מיני שבחים: מיסטער לעבען, אונזער סחורה איז אַ פּראַכט, אַ פּרימע, אַזאַ יאָהר אויף מיר, וואָס פאַר אַ סחורה דאָס איז!... די אָנגעשטעלטע האָבען זיך געשוואָרען מיט היץ, מיט פייער איבערקוקענדיג זיך מיט די קונים און גלאָצענדיג מיט די אויגען אויף פּאַניען. — וואָס רעדט איהר, מענש וואָס איהר זייט, אַזאַ סחורה... אַזאַ סחורה... עפּעס אַ ווערטעל צו רעדען אַזאַ סחורה... זי האָט דאָך אַ שם, שטעדט און לענדער דאַרף מען דאָך אויספאָהרען צו בעקומען אַזאַ סחורה!...

די פערקויפער פלעגען זיין אויסערגעוועהנליך פרעהליך ביי אַזאַ געלעגענהייט. דאס האָט זיי דאָך געגעבען די מעגליכקייט

אַרויסצוזאָגען אונגעשטערט, אַלץ וואָס זיי פיהלען צו פּאַניען. און ניט זעלטען האָט פּאַסירט, אַז דער קונה האָט מסבים גע־ווען, אַז די „סחורה"... איז ווירקליך אַן אויסנאַהם, ערשט דאַן איז געווען חי געלעבט: — אדרבא, זאָגט אַליין, לאָמיך הערען, זעהט איהר, איך פערלאָז מיך דוקא אויף אייך, ווי איך בין אַ איד!...

ביידע, אי דער פערקויפער אי דער קונה, האָבען גוטמוטהיג געלאַכט, און דער פערקויפער איז דאָך אַרוים דער זיעגער. משה, מאַכענדיג זיך ניט פערשטעהן די גאַנצע מעשה, האָט געברענט ווי אַ גיהנם אויפ'ן אַנגעשטעלטען, אויפ'ן קונה, אויף זיך אַליין און אויף דער גאַנצער וועלט.

„פאַר וואָס געהט זי ניט אַוועק פון זייערע אויגען, פאַר וואָס פערשטעהט זי ניט דער גולם, אַז דאָס רעדט מען און מען לאַכט פון איהר?" אָבער אַז פּאַניע האָט אויף איהם אַ קוק געטהאָן מיט איהרע ריינע, מילדע אויגען, האָט משה ביי זיך אין הארצען איהר אַלץ מוחל געווען. און עס האָט איהם נאָך נעפרעהט, וואָס זי פערשטעהט ניט זייערע ממזר־שטיק. דאָס דערוואייזט דאָך ערשט, ווי אונשולדיג זי איז. דאָך האָט ער ביי זיך בעשלאָסען אויפהערען זי מיטצונעהמען אין קראָם. גע־וויינליך וועט ער עס טאָן צו ביסלאַך, זי וועט מוזען קומען ווען עס איז אויף אַ שטונדע אין קראָם, אָבער ניט מעהר. איי וואָס וועט ווייטער זיין, זי וועט דאָך ווייטער זיך אָנהויבען בעקלאָ־גען, וועט מען דאַמאַלס זעהן. פאָרלויפיג מוז זי אויפהערען צו קומען יעדען טאָג אין געשעפט. אפשר וועט עס איהם אויך פערהיטען פון שטענדיגען קריעג מיט די משרתים, ווייל זינט

פאַניע האָט אָנגעהויבען קומען אין קראָם, האָט ער זיך כסדר געבונדען צו זיינע אָנגעשטעלטע, און וואָלט ניט זיין אזוי שווער צו בעקומען א פעהיגען מענשען, וואָלט ער שוין לאַנג א פּאָר פון זיי אָבגעזאָגט. און מערקווירדיג, משה האָט זיך באין אופן ניט געגלויבט, אז ער קריעגט זיך מיט זיינע אָנגעשטעלטע צו־ליעב פאַניען. ער האָט באמת געגלויבט, אז עס האָט גאָר קיין שייכות ניט מיט איהר קומען אין געשעפט. אי פאַר וואָס ער דענקט, אז איהר אויפהערען קומען וועט פערמיידען צווישען איהם און די מענשען קריעג, האָט ער דערויף מאַקע קיין תירוץ ניט געהאַט.

אום פאַניע זאָל צו איהם מעהר קיין טענות ניט האָבען, האָט משה זי אויסגעלערנט שפּיעלען אין „זעקס און זעכציג“, די איינציגע שפּיעל, וואָס ער אַליין האָט געקענט. יעדען אויפ־דערנאַכט, קומענדיג מיט א כיון פריהער אהיים, האָט ער באַלד נאָכ'ן עסען געשפּיעלט מיט איהר אין קאָרטען. און געשפּיעלט האָט ער אזוי, אז פאַניע זאָל שטענדיג אַרוים די געווינערין, און דערנאָך האָט ער פאַר די געוואונענע געלדער געקויפט איהר מתנות.

פאַניען איז עס זעהר געפעלען געוואָרען, און אַלע אויפ־דערנאַכט האָט דער מאַן געמוזט מיט איהר שפּיעלען אין „זעקס און זעכציג“.

ג.

משה איז געקומען אָהן יודינען.

דערזעהענדיג משה'ן אַליין, האָט זיך ביי פאַניען אזוי ווי וואָס אָבגעריסען אין הארצען. „וואָס זאָל דאָס בעדייטען? זאָל ער זיין אייפערזיכטיג!?"...

אָנפאַנגס האָט זי עס ביי איהם געוואָלט פרעגען. נור עס האָט זיך אַלץ ניט געמאַכט קיין פּאַסענדע געלעגענהייט; האָט זי זיך מישב געווען בעסער שווייגען ביז משה אַליין וועט איהר דערצעהלען. משה האָט אָבער אויסגעמיעדען צו רעדען דערפון.

אזוי זיינען דורכגעגאַנגען אַ פּאָר וואָכען. אויסערליך האָט עס אויסגעזעהען, ווי אַלץ וואָלט געווען פּאָראיבער, אַז ביידע, אי פאַניע, אי משה האָבען שוין לאַנג פערגעסען אָן דער גאַנצער געשיכטע. אין אמת'ן אָבער האָבען זיי ביידע ניט פערגעסען, בעזאָנדערס האָט עס ניט פערגעסען פאַניע. זי האָט זאַגאַר אין דמיון ביי זיך בעשאַפען פּאַסירונגען און געשפּרעכען מיט יודינען. זיין בילד האָט זי זיך אויסגעמאָלען אַלס אַ הויכען, געזונדען יונגענמאַן, מיט שוואַרצע געדיכט־געקרייזעלטע האָרר, אויגען שוואַרצע ברענענדיגע, און אַ שטימע אַ ברומענדע אזוי ווי ביי אַ לייב.

די געשפּרעכען מיט יודינען, וועלכע פאַניע האָט ביי זיך אין דמיון אויסגעוועבט, זיינען פאָרגעקומען אויף אַזאַ אופן:

— — — — — — — — — — — — — — — — — — — —

איינמאָל ביי טאָג, זי האַלט אין ראַמען דאָס הויז, איז ניט יום־טוב'דיג אָנגעטאָן, ערשט עס קלאַפּט ווער אין טיר.

— „הו איז דער?"... — פרעגט זי. און עס ענטפערט איהר אַן אונבעקאַנטע שטימע:

— יודין... ס'איז יודין!...

זי לאָזט איהם אריין אין הויז, אַליין אנטלויפט זי אין שלאָפ־צימער און שרייט צו איהם פון דאָרטען: — זעצט זיך צו, מר. יודין!... איך קום גלייך ארויס... איהר וועט דאָך מיר ענט־שולדיגען?...

— געוויס... געוויס... און זיין שטימע פילט אָן מיט ליע־בע די גאַנצע שטוב.

אַ פּערפּוצטע, איז זי באַלד אריינגעקומען. דערזעהענדיג זי, האָט זיך יודין אויפגעשטעלט, און שמייכעלט צו איהר אַזוי מילד, אַזוי צאַרט:

— וואָס זשע מאַכט איהר?...

— זענט איהר מיסטער יודין? מר. מאַנילאָוו'ס לאַנדס־מאַן?...

— יעס מעם, איך בין עס...

— איהר האָט דוכט מיר, אויב איך האָב קיין טעות ניט, גע־זאָלט ביי אונז זיין צוריק מיט אַ פּאָר וואָכען?"

— יעס, מאַנילאָוו האָט מיט מיר אָבגערעדט, אַז פּאָהרענ־

דיג אהיים, וועט ער מיך מיטנעהמען, איהם קומט אויס דורכגעהן פאַרביי מיר, איז ער אָבער ניט אריינגעקומען...״

— וועט מיר זיין ערלויבט צו פרעגען אייך, ווי אַזוי איהר קומט אהער איצטער?

יודין פערשעהמט זיך. זיין פּנים הויבט זיך אָן רייטלען און ער זאָגט:

— כ׳האָב אייך זעהר, זעהר געוואָלט קענען, מאדאם מאַ־ניליאָוו... אז משה קומט נאָך מיר ניט, פערשטעה איך, אז ער האָט געווים פערגעסען, ער איז דאָך זעהר א פערנומענער מענש, האָב איך בעטראַכט אליין קומען און זיך מיט אייך בעקענען...״

א צווייטען מאָל שטעלט זיך פאניע פאָר, אז זי מיט משה׳ן זיינען דאון־טאון, זיי געהען אין טהעאַטער. צו קומענדיג צו די טרעפּ, געהט זיי אנטקעגען א הויכער, געזונדער יונגערמאן מיט שווארצע פלאַמענדע אויגען. צו קומענדיג, גיט ער פריהער איהר די האנד, נאָכדעם משה׳ן און זאָגט: — קענט איהר מיר אפשר ערקלעהרען, מאדאם מאניליאָוו, פאַר וואָס אייער געשעצטער מאן, וויל אייך פאַר לייטען ניט ווייזען? ער קוקט אויף משה׳ן און שמייכעלט. באמת, שוין וויפיעל מאָל, אז איך האָב איהם געבעטען מיך מיט אייך בעקענען, זאָגט ער מיר יעדעס מאָל צו און בלייבט ניט קיין וואָרטס מאן...״

— —

זי ענטפערט איהם:

— משה איז תמיד א וואָרטסמאן, אָבער די ביזנעס נעמט אוועק די גאנצע צייט, אז אלעס מוז מען אליין טאָן,

איהר ווייסט דאָך: מיט פרעמדע הענד איז נור גוט פייער צו־שאַרען..."

* * *

אין קורצען האָט זיך משה ארומגעזעהען, אז ער האָט ניט גלייך געטאָן ניט מיט ברענגענדיג יודינען. קיינער האָט דאָך איהם ניט געצווינגען פאַר'ן צונג. האָט ער אָבער געזאָגט, דאַרף ער האַלטען זיין וואָרט. און משה האָט געזוכט א וועג דורך וועלכען צו פערגלעטען די גאַנצע געשיכטע. איינמאָל, שפּיע־לענדיג מיט פאַניען אין „זעקס און זעכציג", האָט משה פאַרזיכ־טיג בעמערקט: — אַ מאָדנע זאַך, פריהער פלעג איך איהם זעהען אזוי אָפט, כמעט יעדען טאָג און יעצט, ווי אויף להכעיס ווייזט ער זיך ניט!

משה האָט ניט דערמאָנט ווער און האָט אויך בלויז פער־בייגעהענדיג, ניט בעשטימט אָנגעגעבען די צייט, זינט ווען ער האָט „איהם" ניט געזעהען. פאַניע האָט זיך געמאַכט ניט הע־רענדיג. און משה האָט ווייטער גערעדט.

— איך זאָל זאָגען, אז ער איז ברוגז?... מאָרגען גאָה איך צו איהם אריין, אונבעדינגט!

פאַניע האָט זיך אָבגערופען: — איך פערשטעה ניט משה, פאַר ווען דו פערענטפערסט זיך...

איהרע רעד האָבען משה'ן געטראָפען נאָך שטאַרקער ווי אַן אונגעריכטער קלאַפּ — הייסט עס, אז זי טראַכט דערפון... משה האָט ניט געוואוסט, וואָס פאַניען צו ענטפערען, און ווי אזוי זיך ארויסדרעהען פון דער אונאָנגענעהמער לאַגע.

— דו געהסט ארוים מיט דער טויז טרומף?...

— ס'איז דען טרומף, כ'האָב געמאַכט אַ טעות ?

פאַניע האָט בעמערקט, אַז משה איז זעהר אונרוהיג און האָט פאַרגעלייגט אויפצוגעבען דאָס שפּיעלען.

— ניין, ניין, פאַר וואָס ? לאָמיר ענדיגען די גיים !

יענעם אויפדערנאַכט האָבען זיי זיך געלייגט שלאָפען פריהער, ווי געוועהנליך. משה איז געוועזען אונרוהיג, איז אויפגעשטאַנען אַ סך פריהער, ווי תמיד, און האָט זיך אַזוי מאָדנע געהיט אום ניט אויפצואוועקען פאַניען, אַז עס איז איהר אַזש פערדעכטיג געוואָרען. ערשט נאָכדעם, ווי ער האָט אויסגעטרונקען אַ האַלבע גלאָז קאָניאַק און פערביסען מיט אַ שטיק טאָרט, ווי ער טוט עס אַלע אין דער פריה, האָט זיך פאַניע בערוהיגט.

דעם גאַנצען טאָג האָט זיך פאַניען געדוכט, אַז היינט דאַרף וואָס געשעהען. אַז אַזוי גלאַט וועט עס ניט דורכגעהען, און זי האָט מיט אַ שפּאַנענדער אונגעדולד ערוואַרטעט משה'ס קומען. איהר האַרץ האָט זי ניט אָבגענאַרט. משה איז געקומען מיט יודינען. דערזעהענדיג זיי ביידען, האָט זיך פאַניע פערלאָרען, זי האָט גאָר ניט געוואוסט, וואָס אָנהויבען צו טאָן. זי האָט זיך געפונען אין יענער קאָמישער לאַגע פון אַ מענשען, וואָס מוז נייטיג אָבטאָן אַ סך ארבייט, ביי וועמען יעדער מינוט איז טייער, נור פון אַלע ארבייט ווערט ער זעהר צוטומעלט און טוט קיין זאַך ניט. גראַד היינט איז ביי איהר קיין זאַך ניט צוגעגרייט, די שטוב אפילו, איז ניט אויפגעראַמט, ווי געהעריג איז, פאַר וואָס האָט ער איהר ניט געזאָגט, אַז ער וועט איהם

מיטברייינגען? זי איז געווען איבעראשט, דערשראָקען און זעהר צופריעדען צו דער זעלביגער צייט.

— פאניעטשקע! וואו ביזטו דאָרטען, פאניעטשקע, קום וועל איך דיך בעקענען מיט מיינעם א פריינד!

פאניע האָט זיך ארויפגעכאפּט אן אנדער קאָפּטעל און איז אריינגעקומען אין עס צימער.

— דאָס איז מיין פריינד, מיסטער יודין!..

— עס פרעהט מיך זעהר אייך צו קענען, — האָט יודין געזאָגט, קוקענדיג זעהר מאָדנע אויף פאניען.

דערזעהענדיג פאניען איז יודין דערשראָקען געוואָרען: אין זיין לעבען האָט ער נאָך אזא שעהנע אידישע פרוי ניט געזעהען. ער האָט זיך אזוי פערלאָרען, אז ער האָט לחלוטין ניט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט זיינע אויגען.

פאניע, האָט זיך דערפיהלט זעהר ניט היימליך פון זיינע בליקען. זיינע אויגען האָבען זי, דוכט זיך געקושט, געצערטעלט, און געצויגען צו זיך. זי האָט זיך אויסגעגלייכט אין איהר גאנצער הויך, געשמייכעלט פערלעגען: וואָס טוט איהר אזוינס יודין?.. גאָר ניט! ער שטעהט דאָך גאנץ ווייט פון איהר... מערקווירדיג, זי פיהלט, אקוראט, ווי ער וואָלט זי אומארעמט, און שטארק, זעהר שטארק, געדריקט זי צו זיך.

זי איז אביסעלע געקומען צו זיך: — משה געה אריין אויף א ווייל׳ע מיט׳ן גאסט אין פראָנט־רום, און איך וועל דא דערווייל׳ע מאכען אָרדנונג?

אין עטליכע מינוט ארום האָט פאניע געבעטען משה׳ן מיט יודינען צוריק אין עס־צימער.

אריינקומענדיג האָבען זיי געטראָפען אַ טיש מכל־טוב... משה מיט יודינען האָבען גענומען צו בּיסלאַך קאָניאַק און ערשט ביי די דריטע כוסות האָט זיך משה געכאַפּט, אַז פאַניע איז ניטאָ ביים טיש.

— פאַר וואָס פאַניעטשקע, געהסטו ניט צום טיש? האָט משה אַ שולדיגער געפרעגט.

— איך בין ניט הונגעריג, משה!

— אויף מיר האָט מען זיך דאָך ניט געריכט... האָט עפּעס אָנגעהויבען זאָגען יודין.

— דאַנקען גאָט, עס געפינט זיך ביי אונז שטענדיג וואָס צו עסען... האָט פאַניע זעהר פריינדליך געענטפערט יודינען.

יודין האָט פערפיהרט אַ געשפּרעך מיט פאַניען. ער האָט ביי איהר געפרעגט פאַר וואָס מען זעהט זי קיין מאָל ניט אין קראָם, און פאַר וואָס איבערהויפּט מען זעהט זי אין ערגעץ ניט...

פאַניע האָט אַליין ניט געוואוסט, וואָס זי זאָל איהם ענט־פערען, מיט אַ פריינדליכען בּליק האָט זי זיך געווענדעט צום מאַן, אַז ער זאָל איהר ארויסהעלפען.

משה האָט זי פערענטפערט: האָבענדיג קיין עין הרע אַזאַ שטוב אויף זיך, עפּעס אַ שפּאַס זייער בעל־הבית׳שקייט, נו, איז טאַקע קיין צייט ניטאָ וועו...

פאַניע האָט געשמייכעלט הערענדיג משה׳ס ערקלעהרונג.

זי האָט געפיהלט, אַז משה זאָגט ניט דעם גאַנצען אמת, אַז ער איז ניט גערעכט.

יודין איז לאַנג ניט פערבּליבּען. ער האָט זיך זעהר פריינד־

ליך געזעגענט מיט פאַניען און מיט משה'ן און איז אַוועקגע־גאַנגען.

— הערט אַ געשיכטע, פאַר וואָס זשע האָט איהר ניט גע־שפּיעלט אין „זעקס און זעכציג" ? — האָט זיך משה אַ כאַפּ געטאָן, בעת יודין האָט געהאַלטעןביים אַוועקגעהען.

— מיר וועלען שוין שפּיעלען אַ צווייטען מאָל — האָט יודין געענטפערט, אַ קוק געבענדיג אויף פאַניען.

— איך'ל אייך זאָגען דעם אמת, משה האָט מיך אזוי אָנ־געשראָקען, אז איך האָב גאָר מורא מיט אייך זיך אָנצוהויבען!..

— אזוי גאָר — האָט זיך יודין געוווּנדערט צו פאַניען — וואָס פאַר אַ שלעכטס האָט ער אייך אויף מיר דערצעהלט ?

פאַניע האָט מיט גדלות געקוקט אויפ'ן מאַן און האָט גע־שמייכעלט.

— האָסטו גאָר אויף מיר אָנגערעדט פאַר דיין פרוי, דאָס איז פיין...

— אָט אזוי ווי דו זעהסט, היינטיגע צייטען דאַרף מען זיך היטען אפילו פאַר אַ פריינד !

— נו, גוד־נאַיט !

— גוד־נאַיט, גוד באַי...

— פערבלאָנדזשעט צו אונז אַמאָל מיסטער, יודין.

— טאַקע אין אמת'ן לאָז זיך ניט בעטען — האָט משה פערענדיגט.

* * *

משה'ן האָט אָנגעהויבען פערפאָלגען דער געדאַנק. טאָ־מער קומט יודין בייטאָג... זיי וועלען פערברייינגען אליין... גאַנץ

אליין... און נאָך און נאָך געוויסע זאכען זיינען איהם געקומען אויפ'ן זינען, וועגען וואָס עס איז איהם אזש היים געוואָרען טראַכטענדיג.

„איינגענטליך — האָט משה געטראַכט“ — וואָס האָב איך צו יודינען? וואָס פאַר אַ שלעכטס וויים איך פון איהם, פאַר וואָס איך זאָל איהם פערדעכטיגען? דאָס איינציגע, וואָס יודין איז אַ געבילדעטער מענש, און ווי משה'ן דוכט זיך, לאָזט ער דאָס איהם פיהלען. יודין חבר'ט זיך מיט איהם ווייניג, און ווען זיי בעגעגענען זיך שוין יאָ אַמאָל אין אַ יובל, רעדט יודין מיט איהם רק וועגען אַזעלכעס, וואָס ניט נור ער, נור אַ קינד אפילו פערשטעהט עס אויך. עס קען טאַקע זיין, אַז יודין מיינט דערמיט קיין שלעכטס ניט, אַז ער מיינט באמת, אַז עפּעס אַנ־דערש וועט ער ניט פערשטעהן, אָבער פאַר איהם איז עס דאָך ניט אַנגענעהם. אָבער אַ חוץ דעם, האָט ער לחלוטין גאָרניט צו יודינען. און וואָלט ער נור ניט בעלאַנגט צו די דאָזיגע חברה: וואָס מיינס—דיינס, גאָטס—פרעמדס, וואָלט איהם אדרבא, נאָך הנאה געטאָן, וואָס יודין קומט צו איהם אריין...

משה טוט אַ שמייכעל. מיסעס רעזניק, האָט איהם אַמאָל געזאָגט, אַז ער זאָל היטען זיין ווייבעל, וויל זי איז אַ צו שעה־נע. וואָס פאַר אַ פערדאָרבענע פרוי זי איז, אָבער אַ קלוגע בעס־טיע — אַזעלכע פרויען, ווי אייערע, — האָט זי איהם געזאָגט — זיינען פאַר אַ יונג מיט ביינער פונקט אַזוי געפעהרליך, ווי אריינצוגעהן מיט פייער אין אַן אָנגעלאָדענעם קעלער מיט פּולווער...

„יודין איז אַ יונג מיט ביינער. מען דאַרף שטענדיג זיין

פאַרזיכטיג... נאַרישקייט, פאַניע וועט איהם ניט פערבייטען אויף קיינעם... און ווי קומט ער גאָר צו טראַכטען אַזוי דום, וועגען זיין פאַניען. פאַניע איז דאָך די ריינקייט, די עהרליכקייט אַליין. ס'איז אמת, וואָס מען זאָגט, אַז אויפ'ן גנב ברענט די הי־טעל... פאַניע איז זעהר אַ לייטישע פרוי, און יודין, איז זעהר אַן אַנשטענדיגער מענש, נור ס'איז גלאַט ניט שעהן, אַז יודין זאָל צו איהם קומען, בעת ער איז ניטאָ אין דער היים... מען קען נאָך אַריינפאַלען אין לייטישע מיילער"...

משה איז אַריבערגעגאַנגען צו מיסעס רעזניק, פאַרצושלאָ־גען איהר זיין הויז צום שפּיעלען אין קאַרטען. מיסעס רעזניק האָט עטליכע מאָל געגעבען משה'ן אָנצוהערען, אַז עס וואָלט געווען אַ גלייכע זאַך, אַז זיין פאַניע זאָל זיי איינלאַדען... ביז אַהער האָט משה גאָר דערפון ניט געוואָלט טראַכטען, נור איצט, האָט ער זיך מיט אַמאָל אַרומגעזעהען, אַז עס איז גאָרניט אי־בעריג קרום. זיי וועלען דאָך זיין הויז ניט אָבבייסען, אָגב זיינען זיי דאָך פרויען...

בעת משה האָט אָנגעקלונגען, האָט מיסעס רעזניק געהאַל־טען זיך אין איבערטאָן. נור אַזוי ווי די דיענסט, איז גראַד ניט געווען, האָט זי אויף זיך אַרויפגעכאַפּט אַ קאַפּטעלע, איז צו־געלאָפען צום טיר, האָט זי עטוואָס אויפגעמאַכט און דערזע־הענדיג משה'ן האָט זי זיך דערפריהלט היימיש, און האָט איהם אַריינגעלאָזט.

— העללאָ — האָו־דו־יו־דו!... — ווי קומט איהר אַהער מאַנילאָוו?

— אָט אזוי זיך, פערבייגקט נאָך אַן אַלטען פריינד!
— בלאָפט, בלאָפט, זאָל איך וואויל בעקומען...
מיסעס רעזניק איז אריינגעגאנגען צו זיך אין צימער, משה נאָך איהר, און נאָכגעהענדיג כּ׳זן הינטען האָט ער זי א שטארקען קנייפּ געטאָן אין לייב...
— פרכ׳זער, ס׳איז איך נאָך ווייניג... יענע דארטען!...
משה האָט נאַריש געשמייכעלט, מיסעס רעזניק האָט פון זיך אראָבגעוואָרפען דאָס קאָפּטעלע, וואָס זי האָט אָנגעטאָן גע־הענדיג צום טיר און איז געבליבען שטעהען מיט די גרויסע, רונדע ענטבלויזטע ברוסטען.
משה האָט א פלינקען שפּרונג געטאָן...
— אָבער גאָר לא מיט זיעבען אלף׳ן...
— איהר האָט מורא פאר קעלט, מיסעס רעזניק, מיינע הענד זיינען ווארימע.
— האַלט איך אייערע הענד פאר אימיצען אַנדערש וועגען — זאָגט מיר נור, וואָס מאכט אייערע, האָט זי נאָך ניט קיין געליעבטען?
— זי האַלט דערפון ניט.
— אז־ו־י, זי ה־א־ל־ט ד־ע־ר־פ־ו־ן נ־י־ט!..
איז זי טאקע אזא נאר, וואָס זי דענקט, אז מען דארף נור האַלטען פונ׳ם מאנס וועגען?...
משה איז ווידער א שפּרונג געטאָן צו מיסעס רעזניק, אָבער זי האָט זיך בעצייטענס געכאפּט.
— א קוש טאָן קען איך אייך לאָזען, אי דאָס, אָן הענד, בע־האַלט די הענד אויף שבת...

משה האָט אונטערטעניג פערלעגנט די הענד אויף הינטען, איז צו געגאַנגען צו מיסעס רעזניק און האָט זיך איינגעגעסען אין איהר לייב.

מיסעס רעזניק האָט געדריקט זיין קאָפּ צו איהרע ברוסטען:

—נואף...

— איהר זיינט דאָך, אזא גוטע...

— קיין גוטע בין איך ניט, די גוטע האָבען הינד אויפּגעגעסען... איהר געדענקט, מאַנילאָוו, ווי איהר פלעגט אמאָל טענה'ן: צו מיר פלעגט איהר זאָגען, אז איהר קומט, זענט איהר לעבעדיגערהייד אין גן־עדן...

— איהר האָט דאָך אבער געהאַט א מאַן...

— וואָס מיר מאַן, וואָס בלאָפט איהר, איהר ווייסט גוט, וויפיעל איך קעהר פאר מיין מאַן. זאָגט בעסער דעם אמת, אז פאַניע איז יונגער, שעהנער, און ווי זאגט מען: קאַזדיי סאָבי....

— וואָס זשע מאַכט איהר, מיסעס רעזניק, פאר וואָס בעזוכט איהר זיך גאָר קיין מאָל ניט...

— ניטאָ ווען! רילי ס'איז ניטאָ ווען צו געהן פּראָווען וויזיטען. אין אמת'ן, מאַנילאָוו, ווי קומט איהר אהער?

— אָט גלאַט אזוי זיך.

— גאָ־העד...

— אויף מיין וואָרט.

— פאר וואָס־זשע האָט איהר זי אויך ניט מיט גענומען?

— דאָס בין איך געקומען אין איהרע א שליחות. שוין אודאי דריי חדשים, ווי זי בעט מיך איינלאַדען אייך מיט

אייער חברה צו אונז פערברייננגען... איהר ווייסט דאָך ווען איך מיין? אונזער הויז איז דאָך פריי, קיין קינדער זיינען נאָך דערוויילע ניטאָ, היינט פאַר וואָס זאָל מען זיך טאַקע צו אונז ניט צונויפקלייבען?

ביי מיסעס רעזניק האָבען פון שמחה די אויגען אַ גלאַנץ געטאָן.

— וועל, אַז זי וויל דורכאויס אַז מען זאָל צו איהר קומען, אָלל־רייט... זאָגט דעם אמת, פאַר וואָס האָט איהר נאָך קיין שרייערס ניט, ווער איז אין דעם שולדיג?.. נור ניט געבלאָפט, דעם אמת...

— ס׳איז קיינער ניט שולדיג, עס וועלען נאָך זיין...

— אָבער זי האָט נאָך קיין אַנדערען, האָ?

— איך וויל אייך טאַקע בעטען, אַז איהר זאָלט זי מיר ניט איבערפיהרען...

— איהר ציטערט טאַקע, האָ? פאַר וואָס מעגט איהר, און זי מאָר ניט?!... הו־הו... אָבער זייט רוהיג, דאָס שפּאָס איך בלויז, איך׳ל אייך ניט קאַליע מאַכען אייער ציגעל...

— איז אָבגעמאַכט?

— סוירטענלי...

מיסעס רעזניק האָט זיך מיט גדלות אויסגעצויגען אין איהר גאַנצע גרויס, אַנקוועלענדיג פון איהרע געזונדע, ווייסע הענד...

משה האָט זי האַסטיג ארומגענומען און גענומען שטאַרק קושען איהר האַלז.

— נאָ סער!..

— מיסעס רעזניק, זייט א גאָלד...

— נאָט אין יור לייף... נעווער... דאַנט, דאָנט דו דהאט!..

האָט זי מיעד ווערענדיג זיך געוועהרט מיט אַלע כחות.

— — — — — — — — — — — — — — — — —

— — — — — — — — — — — — — — — — —

אַלזאָ, ווען וועט איהר קומען צו אונז?

— היינט איז מאָנטאג — דאנערשטאג וועלען מיר זיין ביי אייך...

די צוויי „גוטע פריינד" האָבען זיך פריינדליך געזעגענט, און משה איז אוועקגעגאַנגען ניט גאר קיין צופריעדענער. ער איז שוין אביסעל אבגעוואוינט פון די אַלע זאַכען, און איצט האָט זיין אייגענע האַנדלונג אזוי מיאוס, אזוי קליין אויסגעזעהן אין זיינע אויגען.

קומענדיג אַהיים האָט ער דערצעהלט פאַניען, אז מיסעס רעזניק איז געוועזען ביי איהם אין קראָם און אז אין דער אַנוועזענהייט פון פיעלע האָט זי איהם פארגעוואָרפען, הלמאי ער איז אזוי קאַרג געוואָרען. און אום צו איבערצייגען זי, אז עס איז ניט אמת, האָט ער זי מיט איהרע פריינדינס איינגעלאַדען צו זיך אין הויז, און ער האָט איהר געזאגט, אז ער און פאַניע וועלען נאך זיין זעהער צופריעדען זיי זאָלען קומען וואָס אָפטער. פון פרייד און דאנקבארקייט האָט פאַניע איהם געקושט און ניט געבעטען צו שפּיעלען מיט איהר היינט אין קארטען.

— איינענטליך, פאַניעטשקע, האב איך שוין לאַנג דערויף אויסגעקוקט, מיר איז ניט אנגעשטאַנען דער ערשטער דאַס זיי פאַרצולייגען, נור אז עס האָט זיך אזוי געמאַכט...

משה האָט גענומען ביי פאַניען א וואָרט, אז זי צו זיי וועט קיין מאָל ניט געהן שפּיעלען אין קאָרטען, עס פּאַסט פאַר איהר ניט. משה האָט זיך מעהר אדער ווייניגער בעווארענט, און ער, און דער עיקר פאַניע, זיינען געוועזען זעהר צופריעדען.

פאַניע האָט ניט געהאט קיינע הינטער געדאַנקען און האָט אויך אין קיין שלעכטס איהר מאַן ניט חושד געוועזען. זי האָט באמת געגלויבט, אז משה זאָרגט שטאַרק פאַר איהר גליק, און האָט זיך זעהר געפרעהט מיט דער גוטער ענדערונג אין זייער לעבען.

ד.

פאַניע האָט ענדליך דערלעבט דעם יום־טוב. עס זיינען צו איהר געקומען פינף פרויען מיט מיסעס רעזניק אין דער שפּיצע. זיי זיינען גלייך אַלע בעפריינדעט געוואָרען מיט פאַניען, ד. ה. זיי האָבען גלייך איינגעזעהען, אַז זיי האָבען „גע־קעטשט אַ בארגען", און דאָס איז דאָך, וואָס זיי בעדאַר־פען אזוי נויטיג האָבען. פאַניע פון איהר זייט, איז זיי זעהר דאַנקבאַר געוועזען. איבריגענס האָט זי כמעט קיינעם פון זיי ניט געקענט, אויסער וואָס זי האָט געזעהן מיסעס רעזניק אַ פּאָר מאָל, און זיך אָנגעהערט פיעלע פיקאַנטע געשיכטען וועגען דער מיסעס קאַפּלאַן.

די פינף פרויען זיינען: מיסעס רעזניק, מיסעס קאַפּלאַן, מיסעס לאַפּאַנטען, מיסעס סמיט און מיסעס קיריל. און כאָטש די לעצטע דריי נעמען קלינגען ניט גאָר אידישלאָך, דאָך למען האמת מוז מען זאָגען, אַז זיי זיינען עכטע אידישקעס.

עס פעהלען נאָך צוויי פרויען פונ'ם „סעט". פאַר וואָס זיי זיינען ניט געקומען וועלען מיר שפּעטער דערצעהלען.

די ערשטע און עלטעסטע פון אַלע איבעריגע, וועלכע איז אויך די טאָנגעבערין, איז מיסעס רעזניק. זי איז אַ הויכגע־וויקסיגע פרוי פון אַ יאָהר דריי, פיער און פיערציג, גאַנץ געזונד, דיק, און אַזוי ווי זי פאַרבט די האָר, זעהט זי אויס אָהן אַ גוזמא יונגער אויף פינף יאהר. זי האָט אַ שעהן פער־פלאַמט פּנים, שוואַרצע, אונהערליכע אויגען און זעהר אַ רייכע פערגאַנגענהייט. אין אַמעריקאַ איז זי שוין אַ יאָהר דריי־פיער און צוואַנציג. קומענדיג, האָט זי זיך גלייך פערשאַפט אַ סך גוטע פריינד. (אויף צו מאַכען זיך פריינד, איז זי אַ גרויסע בריה׳טע.) און אַזוי ווי זי איז געווען יונג, עלענד און איינ־זאַם, האָט מען זי באמת מקרב געווען. פאַר די טובות האָט זי איהרע פריינד גרינדליך אָבגעדאַנקט. ביי אַ פּאָר האָט זי צו־גענומען די מענער, און דאָרט, וואו עס האָט זיך איהר ניט איינגעגעבען צוצונעהמען דעם מאַן, האָט זי כאָטש צווישען זיי אַ בייזען לעבען געמאַכט. אויף קריעג, רכילות, איז זי נאָך איצט אויך אַ גרויסע בריה. ניט איין פרוי, ניט איין מוטער פון קינדער האָט אויף איהר געוויינט און וויינט נאָך עד היום. אָבער זי, מיסעס רעזניק, קימערט זיך דערפון זעהר ווייניג.

און דער אמת מוז געזאָגט ווערען, אַז ניט אינגאַנצען אויס שלעכטיגקייט האָט זי עס געטאָן. עס איז געווען אַ געוויסע צייט אזא, פון וועלכער עס פיהלען זיך די שפּורען עד היום, וואָס האָט בעשאַפען אַ גאַנץ בעזאָנדערען קלאַס מענשען, וועמעס עובדה עס איז געווען: אַלעס טאָן, וואָס דאָס הארץ געלוסט...

און אויב אַ מיטגליעד פון דיעזען קלאַס מענשען וואַלט בעטראַכט פאַר אַן עולה, לאָמיר זאָגען, צו לעבען מיט'ן מאַן פון דער בעסטער חבר'טע, אָדער מיט דער וייב פון'ם בעסטען פריינד, וואַלטען אַזעלכע מיטגלידער בעטראַכט געוואָרען פאַר פייגלינגע, פאַר נאַרישע, קליינליכע מענשען, וועלכע זיינען אַבסאָלוט ניט פעהיג צו שטעהן פאַר זיך, צו פערטיידיגען זייערע פּרינציפּען און אינטערעסען. אדרבא, וואָס מעהר בע־גענענישען און פּאַסירונגען איינער האָט דורכגעמאַכט, אַלץ אַ בעסערען אָרט האָט ער פערנומען צווישען זיי, אַלץ אַ העכערע רעפּוטאַציע האָט ער געהאַט.

מיסעס רעזניק איז די טיפּישטע און בעסטע פאָרשטע־הערין פון זייער קלאַס. רעזניק איז איהר מיידעלשער נאָמען. אַ לענגערע צייט איז זי אויך מיט משה'ן, מיט פאַניעס מאַן, געוועזען אין אינטימע בעציהונגען, דאָס איז דוקא ניט זעהר לאַנג צוריק, זי האָט שוין דאמאלס געלעבט מיט איהר איצ־טיגען מאַן, אָבער ווי ס'איז שוין בעמערקט געוואָרען, האָט זי דאָס אויך ניט געטהאָן אויס שלעכטס, נאָר אָט גלאַט אַזוי זיך... ער איז געוועזען אַ שעהנער, געזונדער בחור, איז ניט געהאַנגען איבער'ן דאָלאַר, נו, איז וואָס? וועמען האָט זי דען דערמיט חלילה שלעכטס געטאָן... אפילו איצט רעדט מען אויך אונטער, אַז זי לעבט אַ „גוטען טאָג" מיט'ן מאַנס אַ יונגערען ברודער, נור וואָס קאָנען שלעכטע צינגער ניט אויס־טראַכטען?

זי רעדט זעהר זעלטען פון איהר פערגאַנגענהייט, ד. ה. מיט ווילד־פרעמדע. אָבער מיט אַזעלכע, פאַר וועמען מען

דאַרף זיך ניט היטען, איז זי דוקא אָפּענהערציג. זי פערלייר־קענט קיין זאַך ניט און זאָגאַר מיט שטאָלץ דערצעהלט זי ווי דער אָדער יענער גדול פון דער ראַדיקאַלער בעוועגונג, איז ווי אַ נעבעכעל געשטאַנען פאַר איהר אויף די קניע, און אז זי זאָל געוועזען אפילו הייסען אַרונטערקריכען הינטער'ן טיש און שרייען: — קו־קו־רעקאַ, איך בין דאָס דער נאַר!... וואָלט מען עס זיכער געטאָן. און נאָך היינט אפילו, אז זיי טרעפען זי אָן, ווערען זיי פערצאַפּעלט, דער רוח נעהמט זיי אַוועק. אָבער זי לאַכט פון זיי, היינט, ווייסט זי שוין, ווי אַזוי מען דאַרף לעבען אויף דער וועלט — מיט אָט דער דרשה — פערענ־דיגט זי געוועהנליך שטענדיג, ווען עס קומט איהר אויס צו רעדען וועגען די אַמאָליגע גוטע צייטען.

די צווייטע איז מיסעס לאַפּאָנטען. זי איז אַ שעהנע, געזונדע, ניט הויכגעוואוקסיגע בלאָנדינקע, מיט ברוינע, לע־בעדיגע אויגען, מיט עטוואָס אַ חוצפה'דיגען שמייכעל. ריכ־טיג בעשטימען איהר עלטער איז זעהר שווער. און לויט ווי זי אליין זאָגט, ווערט זי נאָר מיט יעדען יאָהר יונגער.

גלייך ווי זי איז אָנגעקומען אין שאָפּ איז זי געוואָרען אַ פאָרליידי, זייענדיג אַ גאַנצע מאַכערין, האָט זי די אַרבייטערינס זעהר ניט שעהן און ניט עהרליך בעהאַנ־דעלט. דער איינציגער גליק איז נור געוועזען פאַר די מייד־לאַך, וואָס די פרויען, ווי פון די בעלי־בתים, אַזוי אויך פון די פאָרלייטע, האָבען, ווי דורך אַ כשוף, דערשפּירט, אַז עפּעס אַ צושטערענדער גייסט, אַ שטן איז דאָ אין שאָפּ, וואָס פער־ניפּטעט אויף זייער לעבען, און מען האָט זי גיך משלח געוועזען.

זי האָט אָפּען געלעבט מיט יעדען בעל־דבית, פּאַרמאַן, וואָס האָט זי בעשעפטיגט, און האָט עס נאָך געטאָן מיט שטאָלץ, דערווייזענדיג דערמיט איהר גרויסקייט, איהר זעלבסטשטענדיגקייט. און האָט זי אַ פאַבריקאַנט אָבגעזאָגט, איז זי ווייניג וואָס נתפּעל געוואָרען, ווייל זי איז באמת קיין מאָל ניט אַרומגעגאַנגען ליידיג. מען האָט זיך נאָך איהר געיאָגט. אויף איהר האָבען געזאָגט די אַרבייטער, די ציניקער, אַז זי פערמאָגט גאַנץ בראָדוויי. דאָס האָט געמיינט, אַז אַלע פאַבריקאַנטען, וואָס בעוואוינען בראָדוויי, האָבען מיט איהר געלעבט. מען זאָגט אויך, אַז זי האָט אַ פּאָר קונדען אין פילאַדעלפיא. אָבער דאָס אַלעס צוזאַמען האָט אויך איהר, ווי מיסעס רעזניק, ניט געשטערט צו חתונה האָבען מיט אַ רייכען מאַן און לעבען זעהר אַ בעקוועם לעבען. דער חילוק צווישען איהר און מיסעס רעזניק איז בלויז דערין וואָס מיסעס רעזניק האָ חתונה געהאַט אַלס גרושה... און מיסעס לאַפּאַנטין אַלס מיידעל... עס געהען אויך אַרום פיעל געשיכטען וועגען איהר נאָמען. און איינער אַ געוויסער לאָיער, אַ בעריהמטער נואף, זאָגט, אַז בעת מען זאָגט מיס, אָדער מיסעס לאַפּאַנטען — דאַרף מען נאָך צוגעבען דע־קענעדע... און ער ערקלערט עס דערמיט, וואָס אין פראַנקרייך איז זי דאָך קיין מאָל ניט געווען, אָבער דערפאַר איז זי געוועזען אין קענעדע פיער חדשים אַלס נוירס. און אַזוי ווי אין קענעדע וואוינען אַ סך פראַנצויזען, זאָל עס האָבען אַ שייכות מיט איהר נאָמען.

לויט ווי זי אַליין דערצעהלט, נעמט זיך איהר נאָמען פון פאָלגענדען פאַקט: אַן אָנקעל, איהר פאָטערס אַ ברודער, האָט

מען אָבגעגעבען אין קאָנטאָניסטען. פון דאָרט איז ער דורך א נס מגולגל געוואָרען אַלס אַ פראַנצויזישער גרויסער פּרינץ. נאָך זיין טוידט האָט מען געפונען אַ צואה, אין וועלכע עס ווערט געזאָגט, אַז אין פופציג יאָהר אַרום נאָך זיין טויט, ווע־מען פון זיין משפחה מען וועט געפינען טראָגען זיין נאָמען, ד. ה. לאַפּאָנטען, זאָל מען יענעם אָוועקגעבען זיין גאַנץ פּער־מעגען, וואָס בעטרעפט אין די צעהנדליגע מיליאָנען.

מיסעס קאַפּלאַן, איז ביז אַ געוויסען גראַד אינטערעסאַנ־טער פון זיי אַלע. זי איז מאָגער און הויך געוואַקסען. זעהט אויס אַלט צו זיין אַ יאָהר פינף און פיערציג, כאָטש אין אמת׳ן איז זי ערשט אַלט איין און פערציג. זי האָט אַ בלאַס־מאַטאָווען פּנים, וואָס זעהט אויס ווי אַ שלעכטע פאָטאָגראַפיע, אָהן איין פונק לעבען, אָהן איין לעבעדיגען שטריך, דאָך זאָגט זי גאַנץ אָפט גאַנץ קלוגע זאַכען. זי איז אויך אַ אידישע פּאַט־ריאָטקע. זי שווערט פאַר איהרע אינטימע פריינד, אַז מיט קיין קריסט האָט זי אין איהר לעבען ניט געהאַט צו טהאָן, און וועט ניט האָבען צו טהאָן.

זי האָט געהייראַט אַן אַלטען מאַן, זעהר, זעהר אַ רייכען, וועלכען זי האָט בעוואויגען איבערצוגעבען אויף איהר נאָמען העבער האַלב פון זיין פערמעגען, נאָכדעם האָט זי צו־גענומען זיין זוהן פונ׳ם ווייב, האָב דעם אַלטען אַרויסגעטרי־בען, און שפּיעלט אין איהרע קרייזען, ד. ה. אין גאַנץ פערמעג־ליכע קרייזען, זעהר אַן אנגעזעהענע ראָליע.

זי רעדט זעהר זעלטען. אָבער וואָס זי זאָגט, איז עס שאַרף און צווײדייטיג. וועגען איהר פערגאַנגענהייט ווייס קיינער ניט

דעם גאַנצען אמת. און אַזוי ווי זי איז ניט קיין שעהנע, גלויבען אַלע, אַז זי איז נעבעך אַבגעקומען איהר יוגענד...

זי גיט געלד אויף פילאַנטראָפּישע אונטערנעהמונגען, טיילט צדקה, איז אין צוויי חברות די וויים־פּרעזידענטין, און ווערט דערפאַר גאַנץ אָפּט געלויבט אין דער ענגלישער און אידישער פּרעסע.

מיסעס קאַפּלאַן האָט בלויז איין גרויסען חסרון: שפּיע־לענדיג אין קאָרטען, סיי מיט מענער סיי מיט פרויען, רעדט זי זעהר מיאוסע, זעהר גראָבע רייד. און קוקענדיג אויף איהר טוידט פּנים, אויף וועלכען קיין מוסקעל בעוועגט זיך אפילו ניט, ווילט זיך ניט גלויבען, אַז זי, מיסעס קאַפּלאַן, זאָל עס זאָגען.

מיסעס סמיט איז אַ געוועהנליכע קאָקעטקע. דערפאַר אָבער איז זי אַן אויסערגעוועהנליך שעהנע. זי איז אַלט פיער און דרייסיג יאָהר, און זעהט אוים ווי פון פינף און צוואַנציג. זי איז עטוואָס העכער פון מיטעלען וואוקס, אַ בלאָנדינקע, מיט אַ הויכען, ווייסען האַלז, מיט בלויע צוציהענדע אויגען. און די הויט אויף איהר פּנים, האַלז, און די הענד איז אַזוי וויים, אַזוי שעהן און צאַרט, אַז מענער ווערן נאָך איהר ממש די כפּרה.

זי איז אַ לעבעדיגע, בערעדעוודיגע, רעדט מיט יעדען און וועגען אַלץ, ווערט מיט יעדען „אַ גוטער ברודער" אין איין רגע. איז פעהיג אפילו דעם גרעסטען תם — אַ מאַן, וואָס הויבט גאָר ניט אָן צו פערשטעהן, וואָס אַזוינס אַ פרוי איז, אפילו אַזאַ מאַן קען זי אויך מאַכען פאַר איהרען אַ

פריינד, א „פערעהרער". און צו איהרע פערעהרער רעדט זי אזעלכע גלאַטינקע ריידעלאך, פון וועלכע די קעפּעלאך פער־דרעהען זיך ביי זיי באַלד. און רעדען צו זיי, רעדט זי ניט מיט'ן מויל; נור מיט דער שעהנער טאַליע, מיט די ווייסע פּוכקע פינגער פון די הענד, מיט די שפּיצען פון די שעהנע שיכעלאך, מיט דער שעהנער קאָפּ בלאָנדע געקרייזעלטע האָר, מיט די פולע רונדע ברוסטען, וואָס אָטעמען מיט פייער.

איהרע פערעהרער, סימפּאַטייזער אָדער פערליעבטע, ווי אזוי מען זאָל זיי ניט אָנרופען, מיינען שטענדיג, ביי דער ערשטער בעקאַנטשאַפט, אז זיי זיינען שוין מיט אַלץ פער־טיג. ווייל זי ערלויבט צו זיך רעדען, וואָס נאָר איינעם דאָס האַרץ געלוסט. היט אָב די אַפּאָינטמענטס. און מאַכט א שוויג ווען אפילו אימיצער פון חברה כאַפּט אריין א קוש. און יעדער מאַנסביל הויבט טאַקע גלייך אָן ארויסצוצייגען זיין מאַטער־יאַליסטישען בעגעהר, — ערשט עס הויבט זיך גאָר ניט אָן. זיי האָבען צרות און זי לאַכט פון זיי, „באָדט" זיך ממש אין זייער בלוט. אפילו מיט איהר אייגענעם מאַן שפּיעלט זי זיך אויך, ווי א קאַץ מיט א מויז.

אמאָל, אז זי איז אַלט געוועזען א יאָהר זעכצען־זיעבצעהן, האָט מען זי פערפּיהרט... אָבער פון דאַן אָן היט זי זיך אָב פון אזעלכע זאַכען. פאַר'ן נאָמען סמיט איז ניט זי פעראַנט־וואָרטליך. דאָס איז די שולד פון איהר מאַן.

די פינפטע, מיסעס קיריל, איז אין גרונד גענומען א לייטישע פרוי. און ווען זי וואָלט ניט האָפען, אז איהר מאַנס זאָנסט אָרימע פּראַקטיק וועט זיך דאַדורך פערבעסערען,

וואָלט עס זי פּילייכט ניט איבריגנס צו זיי געצוויגען אויך. אויך דערפאַר ערלויבט איהר דער מאַן ארומגעהן מיט זיי גאַנ־צענע טעג און שפּיעלען אין קאָרטען.

זי איז אַ צימליך שעהן, שוואַרץ־חנ׳עוודיג ווייבעל, פון אַ יאָהר דריי און דרייסיג. זעהר אונוויסענד, נור ניט נאַריש. אין אַמעריקאַ איז זי שוין אַ יאָהר זעכצעהן. אין די גאַנצע צייט, ביז צוריק מיט פיער יאָהר, ביז זי האָט חתונה געהאַט, האָט זי געאַרבייט פאַר יענעם שטוב אַרבייט, זי איז געווען וואָס מען רופט געוועהנליך אַן אַ דיענסט. זי האָט פערמאָגט אביסעל געלד און דערפאַר טאַקע, האָט זי זיך געקויפט אַ דאָקטאָר. געוויינ־ליך אַזאַ סאָרט מיידעל בעקענט זיך מיט אַזאַ יונגענמאַנטשיק, וועמעס גאַנצע אַמביציע איז צו ווערען פון אַ שניידער אָדער פרעסער — אַ דאָקטאָר.

וואָס זשע טוט מען, אום עס צו ערדרייכען? פערקויפט מען זיך!

בעלנים געפינען זיך שטענדיג גענוג. עס זיינען פאַראַן פיעלע עלטערע אי אויך גאַנץ יונגע מיידלעך, וואָס ווילען זיך בעפרייען פון׳ם שאַפּ. צוויי טויזענט טאַקע אַ דאָקטאָר! אַ קליי־ניגקייט צו האָבען אַ מאַן אַ דאָקטאָר!...

ביי קיין פאָלק איז דער נאָמען דאָקטאָר ניט אַזוי הויך געשעצט, ווי ביי אונז. פאַר אַ אידישע פרוי דאָס וואָרט דאָק־טאָר קלינגט נאָך שעהנער, נאָך בעצויבערענדיגער ווי מוזיק. געוועהנליך זוכט דער צוקונפטיגער „דאָקטאָר“ דאָס מיידעל. ווייל זי אַרבייט דאָך אויף איהם, איז בשתיקה זיין פרוי, ביז ער ענדיגט, און נאָכדעם „געהען“ זיי לעבען אָפּען.

אמאָל, איז פון הונדערט אזעלכע פעלע ארויסגעקומען ניין און ניינציג לעבענס־טראַגעדיעס. ווייל אזוי גיך ווי דער דאָק־טאָר איז געוואָרען דאָקטאָר, האָט ער זיך ארומגעזעהען, אז ער־שטענס איז זיין שקלאַפין אַלט און מיאוס (קיין גרויסע פּאר־שוין איז זי נאָך פריהער ניט געוועזן !); צווייטענס, קען ער דאָך ערשט איצט נעמען א שעהנע פרוי, נאָך מיט א היבש ביסעל געלד אַלס צוגאָב. און אזוי ווי געזעצליך האָבען זיי דאָך ניט גע־הייראַט, קיין קינדער זיינען מעהרסטענטיילס אין אזעלכע פע־לע ניטאָ — האָט ער טאַקע מיט איהר געשלאָגען כפּרות איינס און צוויי.

דאָקטאָר קיריל, וועמעס אמת'ער נאָמען איז שאפּראַנאָ־וויץ, האָט זעהר חשק געהאַט פּטור ווערען פון זיין ווייבעל, האָט זי איהם אָבער מודיע געווען, אז אויף דער וועלט זיינען פאראַן אזעלכע ארטיקלען, ווי וויטריאל־איול, א מעסער און א רעוואָל־ווער, און נאָך און נאָך... ער, אַלס דאָקטאָר האָט עס גלייך פערשטאַנען, און קענענדיג זיין פרוי, אז זי איז א וואָרטסמאַן, האָט ער נעבעך גיך געמוזט אויפגעבען יעדע האָפנונג, זיך אמאָל גאָר פון איהר צו בעפרייען.

עס פעלען נאָך צוויי פרויען פונ'ם רומעל. געוועהנליך געהען זיי זאַלבע זיעבען. נור אזוי ווי יענע פרויען האָבען זיך זעהר בלאַמירט, זאָגאר אין די אויגען פון זייערע פריינד, דער־פאר מיידען זיי אוים מיט זיי איצט ארומצוגעהן. זאָל דער עולם ניט האָבען וואָס צו רעדען. מען רופט דאָך זיי אזוי אויך „נשמה־כאַפּערינס“, „שווארצע־מאָהן זעערינס“.. און נאָך אזעלכע שעהנע נעמען, טראַכט מען אוים אויף זיי.

פערזינדיגט האָט זיך איינענטליך בלויז איין פרוי, מיסעס קאָהן. נור אזוי ווי מיסעס אַלפּערט איז איהר בעסטע פריינדין, ממילא בעשולדיגט מען זי אויך.

מיסעס קאָהן האָט צוגענומען דעם חתן פון איהר טאָכטער, איז מיט איהם אוועקגעגאנגען לעבען פראַנק און פריי, איבערלאָזענדיג דעם מאַן מיט די קינדער.

* * *

ווי בעוואוסט, איז קאָרטען שפּיעלען ביי אונזערע פרויען אין אַמעריקא, א גאַנץ געוועהנליכע זאך. אַלע שפּיעלען. אָבער עס זיינען פאַראַן דריי פערשיעדענע קלאַסען.

דער ערשטער קלאַס, דער ניט אינטערעסאַנטסטער, בעשטעהט פון פרויען, וועלכע שפּיעלען פון צייט צו צייט מיט זייערע מענער, קינדער און נאָהענטע פריינד. אין געוויסע הייזער איז דאָס קאָרטען שפּיעלען אמאָל כמעט א נויטיגע זאך.

ס׳קומען זיך צונויף מענשען אין א הויז מיט ווייט, ווייט פערשיעדענע בעגריפען וועגען מאָראַלע און געזעלשאַפטליכע פראַגען, מיט א גאַנץ בעזונדער קוק אויף דאָס לעבען. אין אַזא פאַל, איז אום דער עולם זאָל ניט לאַנגווייליגען און נאָך דערצו בלייבען צופריעדען — ציהט מען זייער אַלעמענס אויפמערקזאַמקייט אויף אַזא פונקט, וואָס איז פאַר זיי אַלעמען אינטערעסאַנט.

דער צווייטער קלאַס פרויען בעשטעהט דורכאויס פון זעהר פּראָסטע, אונוויסענדע פרויען, אָבער אויך גאַנץ אַנשטענדיגע בעלי־הבית׳טעס, וועלכע געפינען גרויס פערגעניגען אינ׳ם שפּיעלען גופא, און אגב פערפּיעלט עס זייער צייט. די מענער

זיינען אין די געשעפטען, וואָס זאָלען די פרויען טהאָן אליין גאַנצע טעג? אָט האָבען זיי אַ גוטען צייט־פּערטרייב. די מענער ווייסען דערפון און שטערען זיי ניט. אדרבא, גאַנץ אָפט נעה־מען זיי נאָך אַ ווארעמען אינטערעס אין זייער גורל.

ביי די דאָזיגע פרויען פיהרט זיך אַזוי:

עס קלייבען זיך צונויף עטליכע פערמעגליכע בעל־הבית׳־טעס, וואָס געהערען מעהר אָדער ווייניגער צו איין קלאַס, און מאַכען צווישען זיך אָב, אַז יעדען טאָג פון וואָך, אויסער זונ־טאג, זאָל מען שפּיעלען ביי איינער פון זיי.

אַלע לייגען זיך צונויף און מען קויפט זעהר אַ שעהנע זאַך: אַ מלבוש, אַ כלי, אָדער אַ שטיקעל ציערונג. פון יעדער קאָן, דאַרפען, די וואָס געווינען, אָבלייגען אַ געוויסע סומע, לאָ־מיר זאָגען, פינף אָדער צעהן סענט, עס ווענדעט זיך לויט׳ן אָבמאַך. און ווען דער חפץ איז אויסגעצאָהלט, טראָגט מען איהם אונטער אַלס מתנה דער בעל־הבית׳טע פון הויז.

אויף אַזאַ׳ן אופן קאָסט עס קיינעם ספּעציעל קיין געלט ניט, און זיי אַלע שאַפען זיך איין געוויסע נויטיגע זאכען. ווייל געוועהנליך קויפט מען פאַר יעדער פרוי אַזאַ זאַך, וואָס זי בע־דאַרף עס האָבען אמנויטיגסטען.

דערצו נאַטירליך קומט נאָך אריין די אַמביציע אויך. ווער עס שפּיעלט בעסער, ווער עס פערליערט זעלטענער. כאָטש פרויען, דאָך אַנערקענען זיי יעדערענס פערדיענסטען.

דער דריטער קלאַס פרויען בעשטעהט דורכאויס פון ני־דעריגע, דורך און דורך ציניש פרויען, וועלכע דער בעגריעף פון עהרע אָדער ווירדע איז גאַנץ פרעמד.

דאָס זיינען אויפגעקומענע, וואולגארע גביר׳טעס, האלבע און גאַנצע זונות, אַקטריסעס, טענצערינס, זינגערינס און עהנ־ליכע גערעטעניסען.

דאָס זיינען אמת׳ע געמבלערינס. ביי זיי איז דאָס קאָרטענ־שפּיעלען די וויכטיגסטע טייל פון זייער לעבען. דאָ געווינען זיי געלט אויף זייערע נויטיגע פערגעניגען־זאַכען, דאָ געווינען זיי ליעבע, אַ צווייטערס מאַן, און עהנליכעס... זיי בע׳גנב׳ענען זיי־ערע מענער, געליעבטע. זיי גנב׳ענען איינס ביי דאָס צווייטע, פערלייקענען און פערבייטען די קאָרטען, אין אַ נויט האָבען זיי געפעלשטע קאָרטען, שווערען זיך אויף פאַלשקייט יעדער מינוט, ווערען זיך דם שונאים, כאָטש אין די אויגען זיינען זיי זיך די בעסטע גוטע פריינד. זייער העכסטער און גרעסטער גליק איז צו שפּיעלען מיט מענער אין קאָרטען. און דערפאַר טאַקע פאָהרען זיי אָפט אין די בערג זיך ערהאָלען...

אין דער קאַנטרי, אַז זיי פאָהרען אוועק, זיינען זיי פרייע פויגלען, זיי קענען שפּיעלען וואו, ווען און וויפיעל זייער הארץ געלוסט. גאַנץ אַנדערש איז עס אין דער היים. דאָ, האָבען זיי געוויסע שוועריגקייטען. ביי זיך אין הויז קענען זיי עס באַין אופן ניט טאָן. ערשטענס ווילען עס די מענער ניט ליידען, צווייטענס פאַסט עס ניט פאַר זיך גופא. די מענער ווילען דאָך אויסגעפינען ווי אַזוי זיי שפּיעלען, און דאָס מוז דאָך זיין פאַר זיי אַ גרויסער סוד. די מענער צום ביישפּיעל ווייסען, אַז די פרויען זייערע שפּיעלען אין „וויסט“, „פּליינעם פינאַקל“, און געוועהנליך אויף פינף סענט אַ הונדערט. אין אמת׳ן אָבער שפּיעלען זיי „אָקשען־פינאַקל“, און גאַנץ אָפט „אָפּענעם פּאָ־

קער", און ניט צו קיין פינף סענטיגע נור צו צווייי, דריי און פינף דאָלאַרדיגע.

היינט דאָס ריידען, אויב זיי וואָלטען בעדאַרפט שפּיעלען אין דער היים, וואָלט עס מיינען, אַז זיי וואָלטען בעדאַרפט זיך אָנטאָן אַ שלאַס אויפ'ן מויל. דאַן, איז די גאַנצע שפּיעל אויס־געשפּיעלט...

* * *

מיסעס רעזניק האָט אָנגעוויזען יעדען, וואו זיך צו זע־צען און האָט זיך געווענדעט צו פאַניען: — שעהנע ציגיינעריןן, געפינען זיך ביי אייך קאָרטען אין שטוב?

— שור!... האָט פאַניע אַ גליקליכע געענטפערט.

די קאָרטען וואָס פאַניע האָט צוגעטראָגען, האָט קיינער ניט בעטראַכט, ניט איבערגעקוקט, פאַניען האָבען אַלע גע־גלויבט.

מיסעס רעזניק האָט געזעצט פאַניען קעגען זיך, אַזוי ווי פאַניע איז גאָר אַ קליינע שפּיעלערין אפילו אין געוועהנליכען פּינאַקל. מיסעס לאַפּאַנטען האָט זי צונויפגעפּאָרט מיט מיסעס קאַפּלאַן, און מיסעס סמיטה מיט דער דאָקטאָרשע, האָבען גע־שפּיעלט אין צווייען אויף אַ בעזונדער טישעל.

אַריינגעמענדיג פאַניען אין זייער גרופּע, האָט מיסעס רעזניק געהאַט דערביי נאָך אַ כונה. איהר האָט זיך זעהר גע־וואָלט צו מאַכען פון פאַניען אַ לייט. קיין זאַך וואָלט פאַר איהר ניט צו שווער געווען אבי עס זאָל איהר געלינגען פּעראַינטע־רעסירען שטאַרק פאַניען אין קאָרטען שפּיעלען, געוועהנליך, ווי זי פערשטעהט עס. פאַניע זאָל פערשטעהן, אַז אַזאַ זאַך,

ווי אַ הויז, אַ מאַן, און פּליכטען, זיינען ניט גאָט־ווייס־וואָס! ער איז ניט קראַנק צוצונעמען אַ דיענסט. נאָכדעם וואָלט שוין אַלץ געוועזען אָלל־רייט... און, ווען גאָט העלפט איהר און זי קען משה'ן אָבטאָן אַ שפּיצעל, נור אַזוי, אַז ער זאָל האָבען צו זינגען און צו זאָגען. אַ פייער אויף איהם, בעריהמט זיך דאָס אַביסעל מיט זיין צנועה. וואַרט אויס, זאָל נור דיין צנועה פערשטעהן, ווי שעהן זי איז, ווערען נור אַ קאַפּעטשקע קליגער, פערזוכען דעם טעם צו ווערען געהאַלזט און געקושט פון פרעמ־דע מענער, דאַן, מיין מלאך'ל, וועסטו ביי איהר קייען די ערד...

מיסעס רעזניק האָט ביז אַ געוויסען גראַד אויך מיטלייד געהאַט מיט פאַניען. מאַלט אייך אַזאַ יונגע, צאַפּעלדיגע, אין רעכטען בליהען, זאָל גאָר ניט קענען טהאָן אַלץ, וואָס איהר האַרץ געלוסט. פון וואָס פאַר אַ לעבען קען אַזאַ שעהנע, ריי־צענדע בלום וויסען, אַז זי איז דאָך פערשפּאַרט אין אַ גאָלדע־נער שטייג... גאָר ניט האָבען נעבען זיך קיין מאַנסביל, גאָר ניט אָנקוקען קיינעם...

— וואָס פאַר אַ קאָרטען, האַלט איהר דאָס דאָרט הינטערן טיש?...

— וואָס חלום'ט זיך אייך מילכיגע־גריוועז?

— אַלזאָ עס זאָל געשפּיעלט ווערען אַנשטענדיג!

— זיכער פּאָזיטיוו...

— האַלט זשע אייערע הענד אויפ'ן טיש.

— נו, נו...

— אהא!...

— וואָס אהא? מיך אַרט עס ניט. אָלל־רייט, אָלל־רייט,

אדרבא, געדענקט זשע אָבער מיסעם רעזניק, אַז איהר וועט טרייבערען מיינע אינגלעך, ווייסט איהר דאָך אַליין, אַז איך וועל עס אייך ניט פערשווייגען. איך וועל טאַקע האָבען קאָר־נער מיט פיערציג, פערגעסט אָבער ניט, אַז מיינע אינגלעך, וועלען מיר אין פארטוך ניט ברייגנען.. אָבער, אַז מיינע אינגלעך וועלען זיך אַ נעהם טאָן צו אייערע מיידלעך... געדענקט...

דאָס האָט געזאָגט מיסעם קאַפּלאַן צו מיסעם רעזניק, פון וואָס מיסעם לאַפּאַנטען האָט זיך זעהר צולאַכט, צוגעבענ־דיג:

— זעהט נור עס זאָל ניט אַרויס דאָס זעלביגע, וואָס מיט'ן דענטיסט און מיסעם ריטשמאַנס טאָכטער!...

— יאָ, וואָס איז דער סוף?...

— וואָס זאָל זיין דער סוף, ער האָט איהר אָנגעפּיעלט אַ צאָהן...

— דאַכט זיך גאָר אַ שטילינקע, און נאָך אַזאַ יונגס!

— אדרבא, ווערליג איהר מאַמע, האָט זי זיך נאָך פער־שפּעטיגט אויף אַ פּאָר יאָהר...

אין פּינאַקל, אַז מען האָט פיער מענשעלעך פון פערשיע־דענע קאָלירען: אינגלעך, מיידלעך, אָדער קעניגע, בעווייזט מען זיי אויפ'ן טיש און מען בעקומט אַ בעשטימטע צאָהל, לויט דער אָנגענומענער ווערטה. ווען איינער מעלדט ניט קיין מענשעלעך, הייסט עס, אַז ער האָט זיי ניט. שפּיעלט ער אָבער אַרויס מיט אַזאַ מין קאָרט, דאַן פערשטעהט מען ביז אַ געוויי־סען גראַד זיינע קאָרטען, ד. ה. אַז ער האָט מסתמא צוויי קע־ניגער, מיידלעך, אָדער אינגלעך.

— פּראָגרעס! פּראָגרעס!!... האָט מיסעס לאַפּאַנטען אָנגעהויבען פּאַטשען אין די הענד: — זעהט, זעהט, מיסעס קאַפּלאַן האָט ארויפגעלייגט איהר מויד אויף מיין בחור...

— וואו שטעהט עס דען געשריבען, אז דער מאַן דאַרף ליגען פון אויבען? — פרעגט מיסעס קאַפּלאַן.

אַלע זיינען זיך גאָר מחיה, אויסער פאַניען. פאַניע לאַכט ניט. זי פיהלט זיך בעליידיגט פון זייערע רעד און זי שעהמט זיך פאַר זיי.

— איי האָט ער איהר אָנגעפּיעלט א צאָהן...

— גאָר־אזוי, — איהר־האָט־שוין־קיין־טרומף־ניט, טאָ ג־י־ט ז־ש־ע מ־י־ר ט־א־ק־ע, נ־אָך א־מ־אָ־ל ג־רי־ן!... ווידער גרין... און אָבער גרין...

— א, ס'זאָל שוין ביי אייך גרין ווערען...

— כאַ־כ־אַ־כ־אַ־כאַ...

— פע, וואָס איז דאָס פאַר אַן ארײנקוקען אין די קאָר־טען, איך האָב פיינד אַזעלכע שטיק.

— וואָסער שטיק? וועלכע שטיק? קוקט זי נור אָן, אַז איהר ווילט ניט אַז מען זאָל צו אייך קוקען טיק נעהמט צו־גויף אייער עסק, און בעהאַלט עס פאַר אייער מאַן!...

— וואָס איז שוין דאָרט, ביי אייך? — האָט זיך אָבגע־רופען מיסעס סמיטה פונ'ם צווייטען טישעל.

— דו קענסט דאָך זי, די קענעדער־פּראַנצוויזקע, זי מיינט, אַז סע געפעלט איהר מאַן, זיינען אַלע מחויב צו קוקען. פריי־הער צושפּרייט זי זיך, און דערנאָך האָט זי טענות...

— אלזאָ, גיט מיר בעסער צלם ?... האָט ארויסגעשפּיעלט מיסעס קאַפּלאַן, מיט דער טויז צלם.

— כי־כי־כי...

— כאַ־כאַ־כאַ...

— הי־הי־הי...

האָבען זיך אַלע צולאַכט זאָגאַר פאַניע אויך. וואָס מיסעס רעזניק האָט זיך איבערגעלאָזט אַ בלאַנקע טויז צלם און האָט זי געמוזט אוועקגעבען.

געקריגט האָבען זיי זיך דערפאַר, וואָס מיסעס לאַפּאַנטען, האָט ניט געוואָלט ליידען, אַז מיסעס רעזניק זאָל צו איהר אריינקוקען אין די קאָרטען.

— איצטער גיט מיר צלם !

— אָל געט־יו...

— נעווער מיינד...

— איצטער גיט מיר לעקעך. נאָך אַמאָל לעקעך, האָט זיך געקאָכט מיסעס לאַפּאַנטען. גרין... רייטש, נאָך אַמאָל צלם... ווידער צלם...

— זייט פאַרזיכטיג פאַניעטשקע...

— דאָס האָב איך שוין פיינד... ניט גערעדט ! האָט זיך אָבגערופען מיסעס לאַפּאַנטען.

— אידיאָטקע ! — איז בייז געוואָרען מיסעס רעזניק, — וואָס זאָג איך דען, איך זאָג איהר דען וואָס צו געבען, איך זאָג נור, זי זאָל זיין קערפול, פאַניעטשקע איז נאָך ניט קיין עקספּיריענסד, אויף פּינאַקל...

— רייטש...

— א, פיין, איצט זיינען אַלע קאָרטען אונזערע. דוקא די שפּיעלערין אַליין האָט זיך איבערגעוואָרפען...

מען האָט אָנגעהויבען אויסטיילען קאָרטען פאַר א צוויי־טער גיים, און מיסעס קאַפּלאַן, וועלענדיג איבערבעטען אַלעמען, האָט אָנגעהויבען זינגען איהר בעליעבט ליעדעלע:

„אין קאָרטען שפּיעלען אַלע, אַלע,
ניט אַלעמענס מזל, איז אָבער גלייך
איינע מוטשעט זיך מיט איהר אייגענעם מאַן,
דערפאַר האָט אַן אַנדערע גאַר א סך“...

— בראַוואָ!

— טרי טשירס פאַר מיסעס קאַפּלאַן.

— זינג עס נאָך אַמאָל מיסעס קאַפּלאַן.

—זאָגט מיר נאָר מיסעס קאַפּלאַן, האָט זיך אָבגערופען מיסעס רעזניק — וועלכער פּאָעטעל האָט עס אין אייך אריינ־געגראַמט די גראַמען?...

— דאָס איז מיינס אַן אייגענס...

— ווירקליך? — האָט זיך מיסעס סמיטה געוואונדערט.

— זעה נור, זעה, ווי זיי מאַכען זיך אַלע טאַמאָוואַטע, אַקו־ראַט ווי זיי וואָלטען עס געהערט פון מיר צום ערשטען מאָל.

מיסעס רעזניק האָט א צופריעדענע געקוקט אויף מיסעס קאַפּלאַן. איהר ליעדעל איצט, איז געוועזען גראָד ווי געוואונ־שען. אָט מיט אַזעלכע ליעדער און רעד, וועט מען דאָך עפּענען פאַניען דעם מוח...

* * *

מיסעס רעזניק האָט א געוואָהנהייט צו דערצעהלען פּי־

קאָנטע געשיכטען בעת'ן שפּיעלען אין קאָרטען, נור איצט, ווע־לענדיג אז פאַניע זאָל זיך גוט צוהערען האָט זי עם אָבגעלייגט אויף נאָכ'ן שפּיעלען. איבערהויפּט האלט זי פאַר איהר חוב צו דערצעהלען אַלע יונגע, ניט ערפאַהרענע פרויען איין געוויסע געשיכטע.

די זאַך איז פאָלגענדע:

צוריק מיט א יאָהר ניין האָט איינער פון מיסעם רעזניקס מענשען זיך פאַר איהר בעקלאָגט, אז זיין לעבען איז איהם ניט ליעב, און אז ווען ניט די דריי קינדער וואָלט ער גאָר געמאַכט א סוף צו אַלעם...

דער מאַן האָט אויסגעזעהען ווי א נעבעכעל און מיסעס רעזניק האָט מיט איהם געהאַט מיטלייד. זי האָט זיך אָנגעהוי־בען פונאַנדערפרעגען אויף זיינע צרות און ער האָט פאַר איהר אויסגעגאָסען זיין ביטער הארץ:

צוריק מיט אכט יאָהר האָט ער געהייראַט און זיי האָבען ביז צוריק מיט זעקס אָדער אכט חדשים געלעבט זעהר גליק־ליך, נור אָט איז געקומען זיין פרוים א פריינד פון סענט־לואיס, וועלכער האָט זיך אין איהר געליעבט נאָך מיידעלוויים...

בקצור, זי האָט פערשטאַנען, וואָס ער מיינט, און האָט איהם צוגעזאָגט זיך דורכריידען מיט זיין פרוי און מאַכען צווישען זיי שלום.

קומענדיג אָבער צו זיין פרוי, האָט זי זיך איבערצייגט, אז זיי זיינען וווירקליך ניט קיין גלייכע פּאָר. זי איז יונג, שיינט, אזוי ווי א רויז אין תמוז — און ער כמעט אַן אַלטער איד. די פרוי האָט זיך פאַר איהר מודה געווועזען און האָט גע'טענה'ט, אז זי

אויף איהם דאַרף קיין רחמנות ניט האָבען. האָט ער דען רחמנות געהאַט אויף איהר? האָט ער דען ניט פערוויסט איהר לעבען, איהר יוגענד?...

אין אַ צייט ארום נאָכדעם, האָט מיסעס רעזניק בעמערקט, אז דער יונגערמאַן איז געוואָרען פרעהליכער מוטיגער, כמעט יונגער. זי האָט ביי איהם געפרעגט: וואס הערט זיך עפּעס?...

און ער האָט איהר דערצעהלט, אַז זיין פרוי האָט זיך ארומגעזעהן, אז א מאַן, איז דאָך א מאַן, — און איז גאָר אנ־אנדער מענש געוואָרען.

מיסעס רעזניק האָט פערשטאַנען אז דער עסק איז ניט גאָר גלאַט, און איז אַ בעלן געוועזען זיך דורכגעהן צו זיין פרוי. און דערזעהענדיג זי, האָט זי זיך שטאַרק דערשראָקען: פינסטער, געעלטערט...

— סטייטש?...

איהרע, דער פרוי'ס א פּלימעניצע איז געקומען צו איהר פון שיקאַגאָ צום איינציגען פריינד, וואָס זי פערמעגט דאָ. צו וואָס זאָלען זיי זיין עלענד? נו, האָט ער זיך פערליעבט אין איהר פּלימעניצע, זי אַוועקגעוואָרפען און געגאַנגען מיט יענער לעבען אַלס מאַן און פרוי. און וואָס פאַר איהר איז נאָך ערגער, אין איינינגע וואָכען נאָכדעם, האָט ער איהר געמאַכט א פאָרשלאַג, אַז זי זאָל מיט איהם ווייטער לעבען, ווי פריהער. עס דאַרף זיך מיט איהר ניט אָנקעהרען וואָס ער האָט א ווייב — האָט זי דאָך אַ מאַן!?...

און וויפיעל מיסעס רעזניק האָט איהר געגעבען צו פער־

שטעהן, אז אדרבא, אז עס איז גאָר ניט אזוי קרום, האָט זיך די נאַרישע פּרוי באין אופן ניט געלאָזט איבעררעדען.

„איך האָב איהר געפּרופט דערווייזען, אזוי און אזוי — איך האָב צו איהר גערעדט אי טאַטעריש אי טערקיש. ווער וואָס. כאָטש רעד צו דער וואַנט...

„איך ערקלעהר איהר: פריהער, אז איהר האָט געוואָלט אוועקגעהן פון אייער מאַן, איז טאַקע ניט שעהן געוועזען. אזוי נאַריש האָט מען נור אמאָל געטאָן, היינט אָבער איז מען קליגער געוואָרען.

„האָט איהר געדאַרפט זעהן, ווי זי האָט זיך דאָס אביסעל צוכליפּעט: — ניט דערלעבען וועט ער דאָס... וואָס זאָגט איהר איך בעט אייך אויף אזא גרינער? הלואי אויף אלע מיינע ליעבע געזאָגט געוואָרען אזא באַרגיין!“

די גאַנצע צייט פון איהר רעדען האָבען זיך אלע זעהר אויפמערקזאַם צוגעהערט, כאָטש אייניגע פון זיי האָבען שוין די זעלביגע מעשה געהערט עטליכע מאָל.

מען דאַרף טאַקע נור זיין כ׳ווייס אליין ניט וואָס, דורכצולאָזען אזא געלעגענהייט... האָט זיך אָבגערופען מיסעס סמיטה.

— האָט קיין יסורים ניט, זי וועט מיט דער צייט קליגער ווערען... האָט אריינגעוואָרפען מיסעס קאַפּלאַן.

— וואָס, וואָס, דער חברה־מאַן האָט א נישקשה׳דיגען אַפּעטיט, דאָס קען מען ניט לייקענען — האָט בעשטימט מיסעס רעזניק, קוקענדיג בעת מעשה אויף פּאַניען.

— הלואי אויף איינעם פון מיינע געליעבטע געזאָגט גע־

וואָרען, אזא אַפּעטיט — האָט זיך אָבגערופען מיסעם לאַפּאַנ־טען.

אז מען האָט געענדיגט שפּיעלען האָט זיך אָבגערופען מיסעם רעזניק צו אַלעמען: — אַלזאָ, מיר האָבען דאָך גע־שפּיעלט וויסט?...

— געוויס!

— סוירטענלי!

— וויסט, וואָס דען אנדערש?...

אויף אַזאַ'ן אופן רעדט מען דאָס צווישען זיך אָב, וואָס מען זאָל זאָגען סיי אין דער היים, סיי פאַר אַזעלכע בעקאַנטע, פאַר וועלכע מען דאַרף זיך היטען.

ה.

פאַניען איז גלייך פון אָנפאַנג אָן ניט געפעלען געוואָרען ניט די קאָמפּאַניע, ניט דאָס שפּיעלען, און דער עיקר איז איהר ניט געפעלען געוואָרען זייערע רייד. נור אויב אין אָנפאַנג, האָט עס דאָך געהאט פאַר איהר אַ שטיקעל אינטערעס, דער־פאַר זיינען זיי איהר אין גיכען אַזוי נמאס געוואָרען, אַז אפילו משה האָט ביי איהר אין די אויגען פיעל פערלאָרען צוליעב זיי.

און ווען זיי האָבען אָנגעהויבען פּשוט געמבלען, שפּיעלען אין אָקשען פּינאָקל צו צוויי און דריי דאָלאַר אַ הונדערט, און מיסעס רעזניק האָט זי אָנגעהויבען לערנען ווי אַזוי זיך אויפ־צופיהרען, אַז דער מאַן זאָל ביי איהר ניט וויסען, ווען זי שפּיעלט און וויפיעל זי פערשפּיעלט, האָט שוין פאַניע מעהר ניט געקענט אַריבערטראָגען און האָט עס דערצעהלט משה'ן.

פאַניע האָט ערוואַרטעט, אַז משה זאָל אויף קאָכען פון פערדרוס, ער זאָל זיך דערפיהלען טיעף בעליידיגט. צום סוף האָט ער זיך נור אַביסעל פערלאָרען און האָט ביי איהר צוויי דייטיג געפרעגט:

— נו, איז וואָס דענקסטו צו טהאָן?

— ועסט שוין זעהן, וואָס איך דענק צו טהאָן! — האָט זי איהם גאַנץ קאַלט ניט אָהן פערדרוס געענטפערט. משה האָט

ניט בעמערקט איהר פערדרוס. אדרבא, ער האָט גאָר אָנגעקוואָלען דערפון, וואָס זיין פאַניע איז אזוי ריין און עהרליך. וואָס עס רעגט זי אזוי אויף זייערע גראָבע רייד, און האָט געטראַכט, גוט אָנצוזידלען מיסעס רעזניק.

פאַניען וויעדער האָט זעהר בעליידיגט זיין גלייכגילטיגקייט. וואָס מיינט עס, פאר וואָס זאָגט ער גאָר ניט... ער איז א פיינגלינג, ער האָט מורא עפּעס זאָגען, האָט זי גלייך בעשטימט. און מיט אַמאָל אזוי ווי אויף א געהיימען בעפעהל האָט זי צו איהם דערשפּירט אַן אונהיימליך געפיהל.

און אז משה איז צוגעגאַנגען און האָט זי געוואָלט ארומנעהמען, האָט זי אזש א ציטער געטאָן — עס האָט איהר דערמאָנט אין זייערע מיאוסע רייד. א העסליך בילד איז ארויסגעשוואומען פאר איהרע אויגען. און זי האָט איהם גאַנץ קאַלט, כמעט מיט פעראַכטונג אָבגעשטויסען פון זיך.

זייערע געשיכטען האָבען זי אזוי צוטומעלט, אז אין איהר גופא האָט עפּעס ניט שעהנעס ערוואַכט.

פאר איהרע אויגען האָט זיך רק געמאָלען, ווי אזוי מיסעס רעזניק, מיסעס לאַפּאַנטען און מיסעס קאַפּלאַן פערברענגען מיט פרעמדע מענער... זי האָט אָנגעהויבען חושד זיין משה'ן, האָט געטראַכט, אז יודין, איז פיעל שעהנער און קליגער פאר איהם, אז ווען יודין וואָלט געווען איהר מאַן, וואָלט זי געווען א סך, א סך גליקליכער.

נאָך אזעלכע געדאַנקען, האָט זי זיך געפיהלט פערשעהמט, בעליידיגט, אַקוראַט, ווי מען וואָלט זי שטאַרק ערנידעריגט. זי איז געווען זעהר בייז אויף זיך אליין, און עס האָט זיך איהר

נערוכט, ווי די הענד און דאס פּנים וואלטען ביי איהר געווען אין עפּעס פערשמירט. —

פאניע האט בעשלאסען זיך בעפרייען פון זיי. און וואס גיכער זי וועט עס טאן אלץ בעסער וועט פאר איהר זיין. ווייל ניט נור האט זי זיי מעהר ניט געקענט פערטראגען, נור אפילו טראכטען וועגען זיי האט זי מעהר ניט געקענט. נאך מעהר האט זי פערדראסען זייערע גראבע אויפפיהרונג קעגען איהר, זיי האבען אפילו קיין מאל ניט געפונען פאר נויטיג צו פרעגען זי, אויב זי איז זיי גערן. אליין בעשטימען זיי, ווען און וואס, אקוראט, ווי זי וואלט געוועזען א קינד. ניין, זי וועט זיי דער־ווייזען, אז זי איז גאר אזא נעבאכעל, ווי זיי מיינען, און אז מיט איהר קען מען ניט טהאן אלץ וואס מען וויל.

איינמאל, ווען זיי האבען געדארפט קומען שפּיעלען אין קארטען, איז פּונקט פאר זייער קומען, פאניע אוועקגעגאנגען פון דער היים. וואוהין געהט מען ? זי האט זיך געלאזט געהן צו משה'ן אין קראם.

אראבשטייגענדיג פון'ם שטארט אייזענ־באהן האט פאניע געזעהן, ווי די גאנצע קאמפּאניע מיט נאך איינער, עפּעס א נייער, האבען געשטינען אויפ'ן סטאנציאן־פּלאטפאָרמע צו פאהרען אפּ־טאון, ד. ה צו איהר, און דאס הארץ האט אין איהר געטאנצט פאר גרויס פרייד און נצחון

אפשר וועלען זיי, די חכמים דאך פערשטעהן, אז זי וויל זיי ניט ליידען און אויפהערען צו איהר קומען. שרייבען זיי, אדער זיי לאזען וויסען, אז זיי זאלען ניט קומען, מחמת זי וועט ניט זיין אין דער היים, האט פאניע בכיון ניט געוואלט זי איז

דאָך אויסען געוועזען זיי צו בעליידיגען, ארויסווייזען זיי ווי וויינינ זי האַלט פון זיי.

פון'ם גאַנצען טאַראַראַם און טומעל וואָס זיי האָבען אָנגעמאַכט, איז ביי פאַניען פערבליבען בלויז צוויי זאַכען, א ביטערע פעראַכטונג צו זיי און א טיעפע, אמת פריינדליכע סימפּאַטיע צו דער פרוי, וועגען וועלכער מיסעס רעזניק האָט דעם ערשטען מאָל דערצעהלט. און פאַניע האָט אלץ געקלעהרט, ווען זי וואָלט געוואוסט, ווער די פרוי איז, וואָלט זי צו איהר אריבערגעגאַנגען און איהר געזאגט, אז זי האָט געטאָן זעהר גוט, אז אזוי בעדאַרף זיין.

פאַניע האָט זיך פערקירעוועט לינקס און האָט זיך געלאָזט געהן אין דער ריכטונג צום קראָם — ערשט זי הערט א וועגדונג צו איהר. פאַניע האָט זיך אומגעקוקט און האָט דערזעהען יודינען שפּרייזען איהר ענטקעגען.

„אָ, האו דו יו דו, — האָט זיך יודין מיט איהר זעהר דערפרעהט, — איהר געהט צו משה'ן ? איך געה דאָס פון דאָרט, דאָרט איז אזא ביזי, און טומלעניש, זאָל גאָט שומר ומציל זיין...

פאַניע האָט זיך אזוי שטאַרק פערלאָרען, אז זי האָט גאָר ניט געוואוסט, וואָס צו רעדען אָדער טהאָן. איהר האָט זיך אויסגעדוכט, אז יודין פערפאָלגט זי כסדר, אז ער ווייסט אלעס וואָס ביי איהר קומט פאָר. ווארום ווי קומט ער גראָד איצט אהער, ס'איז עפּעס אזוי מערקווירדיג. זאָל עס ניט האָבען א שייכות מיט מיסעס רעזניק ? נארישקייט, פון וואנען האָט געקענט וויסען מיסעס רעזניק, אז זי וועט היינט אוועקגעהן פון

דער היים ? — וואָס אָבער גיט יודין איהר אָנצוהערען, אז אין קראָם, איז זעהר ביזי ? ער מיינט דאָך זיכער, איהר דערמיט זאָגען, אז זי זאָל אהין ניט געהן... היינט פּאַר וואָס שווייגט ער ?...

—ווי קומט איהר עס איצט צו משה'ן אין געשעפט ? — פאניע האָט אַליין ניט געוואוס, וואָס זי האָט איהם געפרעגט. וואָס עפּעס, ווי ער קומט איצט צו משה'ן אין געשעפט. און וואָס געהט עס איהר אָן ?

רעדענדיג צו יודינען, איז פאניע געוועזען זעהר ערענסט און האָט אפילו די אויגען ניט אויפגעהויבען בעת מעשה, און דאָס דוקא האָט יודין אויסגעטייטשט צו גוטען.

— איך בין ספּעציעל געקומען, טאָמער וועל איך אייך דאָרטען טרעפען... קומט אביסעל צוריק, מאדאם מאנילאָוו.

עס זיינען אָנגעפאָהרען עטליכע פיהרען פון ביידע זייטען גאַס, און יודין האָט געמוזט פּאַר א האַנד אריבערפיהרען פאַניען. פאניע האָט איהם זעהר העפליך בעדאנקט און זיך געלאָזט געהן מיט איהם. גערעכענט האָט זי, זי וועט פערברייננגען מיט יודינען א האַלבע שטונדע און נאָכדעם וועט זי צו געהן צו משה'ן : „מען קען דאָך ניט בעליידיגען קיין מענשען, אז ער בעט זיך אביסעל מיט איהם דורכגעהן". זיי האָבען זיך פארקעהרט אין בראָדוויי, און ווי נור זיי האָבען זיך געפונען אויף דער ברייטער גאַס, האָט זיך יודין אָבגערופען :

— „אז איך הויב אָן צו בעטראַכטען די וועלט, איז עס טאַקע נור נאָטס וואונדער. דאכט זיך, ווי לאַנג איז עס, אז איך מיט מאנילאָוו'ן האָבען זיך געשפּיעלט אין פערדלאָך, ער

האָט געריטען אויף א צובראָכענע לאָפּעטע און איך אויף א מצה־שטעקען. אָט אזוי רייטענדיג פלעגען מיר צו פאָהרען צום טייך זיך באָדען. מיר האָבען זיך שנעל אויסגעטאָן, די קליידער האָבען מיר אויפגעהאָנגען, אויף די אין דער ווייכער ערד אריינגעטריבענע שטעקענס, און איידער מיר זיינען אריינגעשפּרונגען אין טייך, האָבען מיר זיך געוועט צו דריי קנעפּ־לאָך אָדער צו צעהן ווינשעל־קערלאָך, אז ווער עס וועט זיך געשיקטער איבערקוליען אין טייך, דער זאָל געווינען !"...

יודין האָט גערעדט אזוי הארציג, נאַטירליך, אז פאַניע איז איינגאַנצען אָבגעפּרישט געוואָרען. יעדער שאָטען פון פערדאכט איז פון איהר נעלם געוואָרען. איהר געמיטה איז געוואָרען געזונדער, דער קאָפּ לויטערער און זי האָט זיך באמת מונטער צולאכט פון גאנצען הארצען.

פאַניע האָט זיך דערפיהלט אזוי פריי, לעבעדיג און צופריעדען כמעט גליקליך. און א בעגייסטע האָט זי ביי יודינען געפרעגט : —

— נו, און ווער פלעגט געווינען ?

— כמעט שטענדיג בין איך ארויס דער זיעגער, — האָט יודין שפּאַסיג געענטפערט.

— איהר ווייסט, מר. יודין, אז די בעסטע צייט, איז טאקע די יוגענד... פאַניע האָט עס געזאָגט זעהר נאאיוו, מיינענדיג, אז זי אליין איז געקומען צום געדאנק.

יודין האָט א קלוגען שמייכעל געטאָן און האָט צוגעגעבען :

— עס וואָלט געוועזן נאָך בעסער, ווען דער מענש זאָל גאָר קיין מאָל ניט אלט ווערען".

„וואָס זשע, שטאַרבען יונגערהייד ?"

— פאַר וואָס עפּעס שטאַרבען ? איך מיין מען זאָל שטענדיג זיין יונג און געזונד !"

— קען דען זיין אזא זאַך ? — האָט פאַניע קינדיש גע־פרעגט.

— „קענען, קען עס ניט זיין, נור ביז א געוויסען גראד קען מען עס אליין מאַכען".

פאַניע האָט פערוואונדערט געקוקט אויף יודינען. זי האָט פערשטאַנען, אז ער מיינט עפּעס צו זאָגען דערמיט, אָבער זי האָט באין אופן זיך ניט געקענט אָנשטויסען, וואָס ער מיינט דערמיט.

און יודין האָט זיך געמאַכט פערשטענדליך :

„אויב שוין יאָ שטאַרבען, אויב דאָס לעבען איז ניט מעהר, ווי א חלום, ווי א צויבער מעשה'לע, זאָל כאָטש דער מענש זעהן, אויף ווי ווייט עס איז פאַר איהם מעגליך, צו זיין געזונד, יונג און מונטער. ער זאָל קיין מאָל וועגען קיין אנדער זאַך, אויסער, וועגען לעבען, נישט טראַכטען... נור לעבען, לעבען, לעבען... לעבען און געניסען פון לעבען, אליץ געניסען אין פור־לער מאָס !... איך האָף, אז איהר פערשטעהט מיך מיסעם — ער האָט זיך פערכאַפּט — מאַדאַם מאַנילאָוו ?"

פאַניעס אויגען האָבען געשיינט פון גליק און פרייד. זי האָט אין האַרצען מודה געוועזען, אז יודין איז זעהר א קלוגער, א סך א קלוגערער פון משה'ן, און אז ער איז אויך גערעכט דערמיט, וואָס ער זאָגט. היינט זיין אַרט רעדען איבערהויפּט ? ער מוז זיין זעהר א געלעהרענטער, אַך, ווי ער רעדט דאָס, קיין מאָל אין לעבען האָט זי נאָך אַזעלכע ווערטער ניט געהערט...

אָט אַזוי רעדענדיג זיינען זיי אָבגעגאַנגען נאָך אַ היבשען שטיק וועג, ביז פאַניע האָט זיך אַ כאַפּ געטאָן: — וואָס זאָל דאָס זיין, זיינען מיר שוין ביי דער צוויי און פיערציגסטער סטריט ?...

זיי האָבען זיך ביידע צולאַכט.

— איהר ווייסט, וואָס איך וועל אייך זאָגען, אז איך האָב זיך געהענדיג נישט־קשה אויסגעהונגערט.

פאַניע האָט אַ שמייכעל געטאָן.

„איהר לאַכט פון מיר, מאַדאַם מאַנילאָוו, וואָס איך האָב אַזוי אין זינען דאָס עסען ?"

— „נאָ, נישט דאָס".

— פון וואָס דען לאַכט איהר ?

— איך לאַך דערפון, וואָס איהר האָט מיר דערמאָנט, אז מען דאַרף עסען...

— איך פערשטעה ניט, וואָס איהר מיינט, מאַדאַם מאַ־נילאָוו.

— איך האָב נאָך היינט אַפילו אין מויל ניט געהאַט...

האָט פאַניע געזאָגט, און האָט גלייך חרטה געהאַט. צו וואָס? און אז ער זאָל עס ניט וויסען, וואָלט וואָס געווען?...

— „גאָט איז מיט אייך — האָט זיך יודין אַ כאַפּ גע־טאָן — פאַר וואָס האָט איהר עס מיר פריהער ניט געזאָגט, קומט אריין אין אַ קאַפּפע !"

— נאָ טהענק יו.

וואַי ?

„איי דאָנט לייק טו גאָ דער !"

— איהר זענט דאָך אָבער הונגעריג.

— דאטס אָלל־רייט, איך׳ל פון הונגער ניט שטאַרבען.

— ווייסט איהר גאָר וואָס, אָט וועל איך אריינשפּרינגען אין גראָסערי, און וועל וואָס א כאפּ טאָן. — יודין האָט זיך געלאָזט לויפען, נור פאַניע האָט איהם צוריק געקעהרט. זי האָט איהם געבעטען עס ניט טאָן, מחמת זי וועט סיי ווי סיי קיין זאך ניט עסען אין גאַס.

— „אויב אזוי, אויב איהר ווילט קיין זאך ניט עסען. טו לאָמיר פאָהרען צו אייך אהיים".

— „אהיים גאָר?... אָלל־רייט... איך האָב דאָך געוואָלט צו געהן אין סטאָר"...

* * *

אין דער קאר אין .וועלכע זיי זיינען געפאָהרען איז אזוי ענג געוועזען, אַז עס איז ניט געווען קיין פּלאַץ און קיין מעג־ליכקייט, וואו צו שטעהן אפילו. און אזוי ווי דער אריינגעה־ענדיגער און ארויסגעהענדיגער עולם האָט ניט ווילענדיג זיך געמוזט שטויסען האָט יודין גאַנץ לייכט ארומגענומען פאַניען כדי צו פערהיטען זי פון א שטויס.

פאַניע איז טאקע זיכער געוועזען, אַז יודין טוט עס אָהן א שום מיין, דאָך יעדעס מאָל, ווען יודין האָט זי ארומגענומען, האָט זי זיך געפיהלט זעהר אונאנגענעהם, עס האָט זיך איהר אויסגעדוכט, אז ער האלט זי ארומגענומען לענגער, ווי מען בעדאַרף עס, און דאָס בלוט האָט איהר געשלאָגען אין פּנים.

זאָגען דאָס איהם — האָט זי ניט געוואָלט איהם בעליי־דיגען, און זי האָט אזוי געדולדעט ביז זיי האָבען ענדליך אראָב־געשטיגען.

אריינקומענדיג אין הויז, האָט פאַניע גלייך געכאַפּט פון טיש א בענענע, און עפּעל און פון גרויס הונגער האָט זי געבי־סען פון ביידע פּירות מיט אמאָל.

יודין האָט זיך ארויסגעדרעהט, אז פאַניע זאָל איהם ניט בעמערקען, איז אריין אין קיך, האָט אויסגעזוכט אייער, מילך, און האָט עס געשטעלט אויפזידען, און נאָך איידער פאַניע האָט זיך ארומגעזעהן, האָט איהר יודין אריינגעטראָגען א גלאָז אויפ־געזאָדענע מילך מיט דריי אייער. דערזעהענדיג דאָס איז פאַניע אזוי איבערראשט געוואָרען פון זיין אויפטו, אז זי האָט אזש א געשריי געטאָן: — „איהר זייט דאָך א זעלטענער מענש, אויף מיין וואָרט!"

יודין האָט א צופריעדענער געשמייכעלט: — געהט זשע עסען, מאַדאַם מאַנילאָוו!

„עסט איהר, מיסטער יודין, איך האָב דאָך שוין איבערגע־כאַפּט דעם הונגער!

— נאָ, נאָ, דאָס איז פאַר אייך, דאָס מוזט איהר עסען.

פאַניע האָט דערלאַנגט פוטער צום טיש און האָט אויך צו־געשטעלט אויפקאָכען טעע.

עסענדיג האָט יודין ניט געקאָנט אָבררייסען זיינע אויגען פון פאַניעס שעהנעם, רייצענדען פּנים, וועלכער איז אַלץ מעהר און מעהר פערפארבט געוואָרען מיט א צאַרטע רויטקייט.

— „איהר ווייסט, מאַדאַם מאַנילאָוו, וואָס איך האָב נור וואָס, עסענדיג אויסגעפינען ?"

— וואָס ?....

— „איך האָב אויסגעפינען, אז מען עסט אָב, איז מען ניט הונגעריג !"

פאַניע האָט זיך צולאַכט הויך אויפן קול. זי האָט אַ מילדען בליק געוואָרפען אויף יודינען, און איז אוועקגעגאַנגען אין קיך בדעה אַריינצוברייגגען טעע. יודין, האָט פערשטאַנען נאָך וואָס זי געהט, איז פערלאָפען פאַראויס, און האָט פאַר זיי ביידען געבראַכט טעע.

אז ער איז אַריינגעקומען, האָט איהם פאַניע געזאָגט:

— „אָט אַזוי, פערדיענט אייער עסען!“

— פאַר וואָס זאָל איך זיין מעהר יחסן פאַר אייך?

— איהר זענט זעהר פריינדליך — האָט פאַניע געזאָגט, נור באַלד האָט זי דערויף חרטה געהאַט: צו וואָס, צו וואָס, רעדט זי צו איהם אַזוי?...

זיין רעדען, זיין פריינדליכע בענעהמונג, האָט אויף פאַניען געמאַכט זעהר אַ גוטען איינדרוק, און זי האָט זיך ניט געקענט איינהאַלטען; קעגען איהר ווילען, האָט זי דאָס אַרויסגעוויזען יעדער מינוט. זי האָט פערשטאַנען, נאָך מעהר געפיהלט, אַז עס באַדאַרף אַזוי ניט זיין, פאַר וואָס עס בעדאַרף אַזוי ניט זיין, דאָס ווייסט זי טאַקע ניט, אָבער איהר האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז זי טהוט וועמען דערמיט אַן עולה.

— „איך האָב צו אייך צוויי בקשות, מאַדאַם מאַנילאָוו — האָט יודין איבערגעריסען איהרע רעיונות“.

— וועל?...

— ערשטענס, אַז איהר זאָלט מיר ערלויבען העלפען אייך אויפראַמען פון טיש, און, צווייטעס, פערסמוקען אַ ציגאַר!...

— מיט׳ן גרעסטען פערגעניגען, ס׳איז דאָך אָבער ניטאָ וואָס אויפצוראַמען.

— אַלל־רייט, איהר ראַמט אויף, איך וועל דערווייל פערסמוקען אַ ציגאַר, און אַז איהר וועט פערטיג ווערען מיט דער ארבייט וועלען מיר אביסעל שמועסען.

פאַניע האָט אויף איהם געקוקט מיט ערנסטע דאַנקבאַ־רע בליקען. דאָס איז כמעט דאָס ערשטע מאָל אין איהר לע־בען, וואָס אַ מאַנס־פּערשוין, נאָך אַזאַ געלעהרענטער, ווי יודין, רעדט מיט איהר, מיט אַ גאַנץ פּראָסטע ווייבעל, אַזוי פיין, אַקוראַט ווי זי וואָלט געוועזען זיין גלייכען און וואָלט אויך אַלץ פערשטאַנען, ווי ער.

— „איך ווייס ניט, ווי איך זאָל עס אייך זאָגען, נור צייטענווייז, ווילט זיך מיר עפּעס אַזוי פערשייט זיין, ווילד, איינשלינגען פאַר איין מאָל דאָס גאַנצע לעבען. אַז שוין יאָ לעבען, זאָל זיין געלעבט. עס זאָל קאָכען, ברויזען, און איך צוזאַמען מיט'ן לעבען זאָלען פערוואַנדעלט ווערען אין אַ וואולקאַן!... אָט אין אַזעלכע מאָמענטען טראַכט זיך מיר גראָד פון די דאָזיגע אונגליקליכע, וועלכע מאַכען אַ סוף צו זייער לעבען. און איך פרעג זיך אַליין, צו וואָס? פאַר וואָס? וואָס ווערט מען דען אָן, אַז מען לעבט, גוט צו שלעכט געלעבט, אַבי געלעבט. און וואָס איז שייך שלעכט? ווי באַלד, אַז מען לעבט נור, איז דאָך שוין גוט. איהר פער־שטעהט מיך, מאַדאַם מאַגילאָוו?... וואָרום מיר דאַכט, אַז דער מענש, וואָס וויל נור, קען מאַכען זיין לעבען אינטערע־סאַנט, שעהן, ליעב... וואָס איז שייך זיין מאַטעריעלע לאַגע, דאַרף מען גאָר דערפון ניט טראַכטען: איז דאָ, איז אוודאי גוט, איז ניטאָ — איז אויך גוט! מען דאַרף איין מאָל פאַר אַלע מאָל ניט פערגעסען, אַז מען לעבט בלויז איין מאָל

אויף דער וועלט, און אז מען לעבט ניט דאָס איינע מאָל, היינט ווען זשע דען? שפּעטער דאָרטען, דאָס הייסט אויף יענער וועלט? עט, דאָס, וואָס דאָרטען, ווייסען מיר ניט!... איך האָף, אז איהר פערשטעהט מיך, מאדאם מאַנילאָוו!"...

די גאַנצע צייט, וואָס יודין האָט גערעדט, איז פאַניע געשטאַנען מיט צוויי גלעזער אין די הענד, וועלכע זי האָט געזאָלט אַוועקטראָגען פון טיש. ערשט, ווען יודין איז אַנ־שוויגען געוואָרען, האָט זי אויטאָמאַטיש צוריק אַוועקגע־שטעלט די גלעזער אויפ'ן טיש, און איז געבליבען שטעהן, אונבעוועגט, פערשכור'ט פון פערשיעדענע געדאַנקען און געפיהלען.

און מערקווירדיג, כאָטש זי האָט ניט פערשטאַנען פיע־לע ווערטער פון זיין רעדע, האָט זי דאָך ניט נור פערשטאַ־נען דעם גאַנצען זיין דערפון וואָס ער האָט געזאָגט, נור זי האָט עס טיעף, טיעף דורכגעפיהלט און דורכגעלעבט.

אין די עטליכע מינוט אָט דאָ שטעהענדיג, האָט זי אי־בערגעלעבט א גאַנצען לעבען — א פערגאַנגענהייט, א גע־גענוואַרט און א צוקונפט.

זי האָט אין זיך אליין ערלעבט די געבורט פון'ם מענ־שען, אין איין מאָמענט איז איהר פיעלעס, פיעלעס קלאָר געוואָרען, א העלער שיין האָט זיך אויסגעגאָסען אויף איהר לעבען, זי האָט געשפּירט, אז עפּעס קומט אין איהר פּאָר, עפּעס זעהר וויכטיגעס, כאָטש אזוי אונבעמערקט.

זי האָט מיט אמאָל, אזוי ווי דורך א כישוף, דערפיהלט, אז זי איז פיעל, פיעל עלטער, ווי זי איז אין אמת'ן, אז זי איז ניט מעהר א יונגע אונבעהאָלפענע פרוי, וואָס מוז איהר

קאָפּ אַנלענען אויף אַ צווייטען. נור אַז זי איז אַ פאַלקאָ־מענער מענש, וועלכער איז און דאַרף זיין פעראַנטוואָרט־ליך פאַר זיין יעדען טהאַט און האנדלונג.

יודין איז געזעסען מיט דער פּלייצע צום וואַנד און האָט פער'עקשנ'ט נאָכגעקוקט דעם רויך פון זיין ציגאַר, וועל־כער האָט זיך געפלאַכטען אין קליינינקע, טונקעל־גרויע רינ־געלאַך, אויפהויבענדיג זיך אַלץ העכער אריבער זיין קאָפּ אין געשטאַלט פון אַ קיילעכיגען זייל.

זיינע אייגענע רייד האָבען אויף איהם אַ רושם גע־מאַכט. ער האָט ערשט איצט נאָכגעדענקט וועגען דעם וואָס ער האָט גערעדט, און ערשט איצט האָט ער אַליין בעגרי־פען זייער ווירקליכע בעדייטונג.

יודין האָט זיך געפיהלט גייסטיג מיעד, און עס האָט זיך איהם געדוכט, אַז דאָס לעבען איז אין אמת'ן אַ גאַנץ שווערע זאַך, און אַז עס איז גאָר קיין וואונדער ניט, וואָס מענ־שען, ניט קענענדיג דערטראָגען די לאַסט, וואַרפען זי פון זיך אַראָב.

זייענדיג פערטיעפט, האָבען זיי גאָר ניט בעמערקט, ווי דער טאָג איז אָבגעשטאָרבען. אין שטוב איז אַלץ טונקע־לער און טונקעלער געוואָרען און באַלד האָט וואָס אַ בלענד געטהאָן אין די אויגען. יודין האָט אָנגעהויבען זוכען, וואָס דאָס האָט געקענט זיין, און ער האָט דערזעהן, אַז אין פּיע־לע הייזער ברענט שוין פייער.

— „איז איט נייט אָל־רעדי?“...

יודין האָט זיך אויפגעהויבען און האָט געזאָגט, אַז עס איז שוין צייט פאַר איהם צו געהן אַ היים.

— יעס! — האָט פאַניע אינסטינקטיוו געענטפערט, אליין ניט וויסענדיג וואָס.

אַז יודין האָט פאַניען געגעבען די האַנד, האָט ער אויס־געמידען צו קוקען איהר אין די אויגען. פאַניען האָט זיך אויסגעדוכט, אַז יודין וויינט.

יודינען איז ניט קשה געווען פאַר וואָס פאַניע בעט איהם ניט קומען נאָך אמאָל, ער האָט געפיהלט מיט זיין יעדען נערוו, אַז ווען נור ער זאָל קומען וועט איהם פאַניע זעהר גערן זיין.

ו.

פאניע איז ארײנגעגאנגען אין קיך, האט אנגעצינדען אין צווײ ערטער דעם קאך־אײוועז, נור זי האט קײן זאך ניט צוגעשטעלט צו קאכען.

זי איז אזוי אבגעשטאנען עטליכע מינוט, נאך דעם האט זי זיך דערמאנט, אז זי בעדארף דאך צוגרײטען אבענד ברויט.

איבערטהוהענדיג זיך האט זי גלײך צוגעשטעלט קאכען און האט געמאכט א קלײנעם פײער, כדי זיכער זײן, אז דאס געקעכטס װעט ניט צוברענען אדער אויסזיערען, און אלײן האט זי זיך צוגעלײגט אין עס צימער אויף דער סאפקע.

„איך בין ספּעשיל געגאנגען אהין, טאמער װעל איך אײך דארט טרעפען" — האט זיך פאניע דערמאנט. עס האט זי אביסעל בעלײדיגט. עס קען ניט זײן, עס זאל זײן אמת. פון װאנען האט ער געװאוסט, אז זי װעט הײנט געהן אין קראם? בפרט נאך, אז זי אלײן האט דאך איהם געזאגט, אז זי געהט קײנמאל אין ערגעץ ניט! דאס איז ניט שעהן פון איהם. ער דארף אזוי ניט רעדען. און פאר װאס האט זי איהם גאר ניט געענטפערט. װאס אויפ'ן שטײגער װאלט

זי איהם געענטפערט? זי ווייסט טאַקע ניט וואָס, אָבער זי האָט עס ניט געדאַרפט אָט אַזוי גלאַט דורכלאָזען... ס'איז ניט שעהן פון איהם.

פאַניע האָט זיך אַ דרעה געטהאָן אויף אַ זייט, האָט אָנגעהויבען שלומערן. זי האָט קרעפטיג צוגעדריקט אַ קליין קישעלע צום הארצען, און האָט זיך פערשעהמט פאַר זיך אַליין. וואָס איז מיט איהר? זי האָט זיך דערפיהלט, ווי איינער, וואָס לאַכט פון שלאָף און זיין געלעכטער וועקט איהם אויף.

פון וואָס האָט זי געלאַכט?..

איצט האָט ביי איהר דאָס פּנים געברענט פאַר בזיון.

זי וועט מעהר קיין מאָל אין איהר לעבען זיך ניט בע־געגנען, ניט מיט מיסעס רעזניק, ניט מיט אַלע איבעריגע, און יודינען וועט זי נעווער ערלויבען זי אַזוי אַרומנעהמען, ווי ער האָט געטהאָן אין קאַר.

זי האָט דערלאַנגט משה'ן דאָס עסען און אַליין האָט זי זיך געלעגט שלאָפען.

משה איז געווען שטאַרק איבערראַשט פון איהר בע־נעהמונג. וואָס הייסט דאָס? אָנגענומען, אַז זי איז זאַט, אָדער זי פיהלט ניט אַמבעסטען, איז דעריבער וואָס? האָט זי ניט געדאַרפט זיטצען מיט איהם ביים טיש ביז ער וועט אָבעסען? עס האָט איהם זעהר פערדראָסען, אָבער איהר האָט ער גאָרניט געזאָגט.

אין דער פריה איז משה אַוועקגעגאַנגען אַ ברוגז'ער, פאַניע האָט זיך געמאַכט ניט ווי'סענדיג.

זי איז געלעגען אין בעט מיט אָפענע אויגען און האָט געקוקט פאַר זיך. אָבער זי האָט קיין זאַך ניט געזעהן, וואָס ארום איהר. זי האָט נור געפיהלט, מיט איהר הארץ און נשמה, אז עפּעס ווערט זי גאָר, גאָר אַן אנדער מענש. זי האָט געפיהלט בעשיינפּערליך, אז יעדער מינוט קומט איהר וואָס צו. זי דערפיהלט זיך אַלץ מעהר מענערישער, זעלבסט־שטענדיגער, גאַנצער. און וואָס גאַנצער און זיכערער זי האָט זיך דערשפּירט, אַלץ גלייכגילטיגער האָט זי געטראַכט וועגען משה׳ן. און וואָס גלייכגילטיגער זי האָט זיך דער־פיהלט צו משה׳ן, אַלץ קלאָרער און לויטערער איז איהר געוואָרען, אַלץ צופריעדענער האָט זי זיך געפינען.

„איך וויים ניט, ווי איך זאָל איך זאָגען, נור צייטענ־ווייז ווילט זיך מיר עפּעס אַזוי פערשייט זיין, ווילד, איינ־שלינגען פאַר איינמאָל דאָס גאַיצע לעבען. איז שוין יאָ לעבען, זאָל זיין געלעבט. עס זאָל קאָכען און ברויזען און איך צוזאַמען מיט׳ן לעבען זאָל פערוואַנדעלט ווערען אין אַ וואולקאַן״...

דערמאָנענדיג זיך פּינקטליך די ווערטער, וואָס יודין האָט געזאָגט, האָט זיך פאַניע מיט אַמאָל דערפיהלט אַזוי שטאַרק, אַזוי קרעפטיג. זי האָט זיך ענערגיש אַ הויב גע־טהאָן פון געלעגער, האָט מיט גבורה אויסגעצויגען די הענד, זיך אין גאַנצען אָבגעדעקט און האָט אַ פּאָר סעקונדען גע־קוקט אויף איהר האַלב נאַקעטען קערפּער, פון וועלכען עס האָט געשלאָגען אַ פרישער, הייסער אָטהעם.

אין גיכען איז זי אויפגעשטאַנען, האָט געשמאַק אָבגע־

געסען, און זינגענדיג, טאַנצענדיג און שפּרינגענדיג האָט זי שנעל אויפגעראַמט. זי האָט געאַרבייט גיך, פלייסיג, אַזוי ווי אַ טייפעל, און האָט געוואַלדיג הנאה געהאַט פון זיך אַליין. איצט האָט זיך איהר זעהר געוואָלט, אַז יודין זאָל קומען. זי וואָלט איהם אַזאַ דריק געטהאָן זיין האַנד, אַז ער וואָלט אַזש אַ געשריי געטהאָן.

זי איז צוגעגאַנגען צום שפּיעגעל, האָט פערלעגט די הענד אין אַזאַ פּאָזע, ווי יודין האָט זי געהאַלטען אַרומגע־נומען אין קאַר. זי האָט אַ שמייכעל געטהאָן צו זיך אַליין, אָנקוועלענדיג פון איהרע געזונדע נאַקעטע הענד, וואָס האָ־בען געזונגען דאָס ליעד פון קראַפט. יודין וועט באַלד קו־מען. ער מוז קומען. זי וויל אַזוי, און עס וועט אַזוי זיין!...

זי האָט אָנגעהויבען זינגען. זי האָט געזונגען איין ליעד נאָך דער צווייטער, גאַר אָהן אַן אָבהאַלט. וואָס מעהר זי האָט געזונגען, אַלץ שיכור'ער, בעצויבענדער איז זי געוואָ־רען פון איהר איינענער שטימע, אַלץ מעהר האָט אין איהר געזאָדען דאָס לעבען, אַלץ ראַשיגער האָבען געשלאָגען די וועלען פון ליידענשאַפט, אַלץ קרעפטיגער און ריטמישער האָט געקלאַפּט איהר ברוסט.

— לעבען, לעבען, איינשלונגען פאַר איין מאָל דאָס גאַנצע לעבען!...

זי האָט זיך אָנגעהויבען דרעהען... וואַרפענדיג פערשייט מיט די הענד און פיס. איהרע גרויסע צעפּ־האָר האָבען זיך ליידענשאַפטליך צושאָטען איבער איהרע ראָזעווע פּלייצעס, איהרע אויגען האָבען געברענט, גליהענדע פינקען לעבען

האָבען פון זיי געשפּריצט, איהר אָטהעם האָט גע'שרפה'ט, געשניטען אזוי ווי א פייערדיגער שווערד...

צו ביסלאַך האָט זיך פאַניע אָנגעהויבען אויסניכטער־רען, און ווען דער גאַנצער שטורעם איז אַריבער, האָט זי זיך דערפיהלט אזוי מיעד, שוואַך, אָהן א ברעקעל ענערגיע, אַקוראַט ווי נאָך אַן אָפּעראַציאָן, בעת דער כלאָראָפאָרם וועבט זיך אוים. זי האָט זיך צוגעלייגט אויף דער סאָפקע און איז איינגעשלאָפען, און האָט זיך ערשט דורכגעוואָרפען פאַר־נאַכט.

* * *

משה'ן איז ניט אָנגעשטאַנען זיך אונטערגעבען, ער האָט ניט געוואָלט פאַרהאַלטען פאַניען פאַר נעכטיגען אויפ־דערנאַכט, און האָט אויך ניט געוואָלט אָנהאַלטען דעם רוגז, האָט ער זיך אַן עצה געגעבען: ער האָט איינגעלאַדען יודינען און איז מיט איהם געקומען אַהיים.

— איך האָב געבראַכט א גאַסט, פאַניעטשקע, איך בעט איהם ער זאָל צו אונז עפּטערס קומען, קווינקעלט ער זיך, ער וויל ווייזט אוים, אַז דו זאָלסט איהם בעטען.

פאַניע איז אזוי איבערראַשט געוואָרען, אַז זי האָט קוים געפינען, וואָס צו ענטפערען.

— איך בין זעהר גערן, ווער עס קומט. בעטען, וואָס איז שייך בעטען.

משה'ן איז זעהר געפעלען געוואָרען איהר ענטפער.

זיי זיינען אַלע געוועזען פרעהליך, האָבען פיעל געגעסען, געטרונקען און גערעדט. דער עיקר פאַניע, זי איז

געוועזען אזוי סורפּרייזט, אזוי גליקליך און צופריעדען מיט דער גאַנצער וועלט, אז דאָס גליק האָט געשטראַמט און גע־זונגען פון איהר יעדער קעהר, פון איהר יעדער ריהר.

נאָכ'ן עסען האָט זי משה ווידער סורפּרייזט. ער האָט ארויסגענומען פון קעשענע א טעשעל זעהר קאָסטבארע קאָרטען און האָט זיי צוגעטראָגען צו פאַניען.

— שפּיעל מיט יודינען „א זעקס און זעכציג", נור זעה, מאַמע, פערשווארץ מיר ניט דאָס פּנים. איך האָב זיך בע־ריהמט, אז דו קענסט שפּיעלען בעסער פאר איהם, וויל איך ניט בלייבען צום נאַר.

— וואָס זשע, איהר זענט טאַקע אזא גרויסער שפּיע־לער? — האָט פאַניע זעהר עדעל, נור דאָך מיט שאָטען פון גאווה געפרעגט.

יודין האָט ליעבליך געקוקט אויף פאַניען און ווען ער האָט בעמערקט, אז פאַניע האָט דערזעהן זיינע אויגען אויף איהר ביוסט, האָט ער זיי אראָבגעלאָזען און האָט שטיל גענענטפערט: — איך שפּיעל אָבער אין געלד!...

— ווי הייסט?

— א פּעני אַן אויג!

פאַניע האָט זיך צולאכט.

— אָלל־רייט מאַמא, שפּיעל מיט איהם א פּעני אַן אויג, זאָל זיין ווי ער וויל. נאַדיר קליין געלד! — משה האָט ארויס־גענומען פון קעשענע א פולע האַנד זילבער, ביי א פינף זעקס דאָלאַר און האָט עס מיט גדלות אויסגעשאָטען נעבען פאַניעס בריעג טיש. — אין געלד, איז אין געלד.

פאַניע מיט יודינען האָבען זיך געזעצט שפּיעלען אין „זעקס און זעכציג“ און משה האָט זיך געזעצט חשבון׳ען ביים צווייטען ברעג טיש.

זיי האָבען גערעדט און געלאַכט און משה האָט געמאַכט איין טעות נאָך׳ן צווייטען ביז זיין געדולד האָט זיך ענדליך אויסגעשעפּט. ער האָט זיך פאַר זיי פערענטפערט און איז אוועק אין זאַל חשבון׳ען.

באַלד ווי משה איז אוועקגעגאַנגען האָט יודין געפרעגט ביי פאַניען:

— משה ווייסט פון גאָר ניט?...

— פון וואָס?

— איהר האָט איהם גאָר ניט דערצעהלט?

— ניין!

— גוט, זעהר גוט, איהר האָט געטאָן זעהר קלוג.

פאַניע האָט פערוואונדערט געקוקט אויף יודינען, ניט בעגרייפענדיג וועגען וואָס ער רעדט.

— איך האָב געמיינט, אז איך׳ל משוגע ווערען!

— פון וואָס? האָט פאַניע האַלב בעליידיגט געפרעגט.

— איז עס אמת, מאַדאַם מאַנילאָוו, וואָס מען זאָגט, אז פרויען זיינען פיהלענדיגער, צערטליכער פון מענער?...

פאַניע האָט זיך אביסעל פערלאָרען, איהר האָט וואָס אָנגעהויבען קלאָהר ווערען, זי האָט זיך פערשעהמט, האָט איינגענומען און האָט דערנומען א קאָרט.

— איהר דאַרפט דערנעמען א קאָרט, מיסטער יודין, האָט פאַניע רויט ווערענדיג געפּרובט אָבווענדען דעם דאָזיגען געשפּרעך.

יודין האָט אויף איהר אויפגעהויבען צוויי רחמנות׳דיגע אויגען און האָט געשוויגען.

פאַניע האָט דערפיהלט, אז פון דעם מאָמענט אָן, וואָס יודין האָט ביי איהר געפרעגט, צו משה ווייסט ניט, אז ער איז דאָ געווען, און זי האָט איהם געענטפערט „ניין", אז פון אָט דעם מאָמענט אָן זיינען צווישען איהר און יודינען בעשאַפען געוואָרען צו גאָהנטע בעציהונגען. און דאָס האָט זי בעליי־דיגט.

— „בערעכען, ווי אזוי האָט זי עס ביז אהער משה׳ן ניט דערצעהלט? וואָס זאָל זי איצט טאָן, וואָס?... זי האָט גע־פיהלט, אז זי האנדעלט ניט ריכטיג קעגען משה׳ן, מען טאָר אזוי ניט. אָבער גאָט איז איהר עדות, אז זי איז דאָך ניט שול־דיג. ווען האָט זי איהם געזאָלט דערצעהלען".

— איך דעק דעם טאַש!...

— אָלל־רייט!

— צלם...

— אויב אזוי האָט איהר דאָך נור צוויי אויגען.

— איך האָב געוואוסט, אז דאָס איז אייער לעז.

— ווי אזוי האָט איהר עס געוואוסט?

— ווייל די טויז טרומף איז ניטאָ ביי מיר.

— אז איהר האָט שוין יאָ געדעקט דעם טאַש; איז ערש־טענס, פאַר וואָס זענט איהר ניט ארויסגעגאַנגען מיט טרומף, צווייטענס ווייסט איהר דאָך גוט, אז איך האָב דאָס איינציגע צעהנטעל צלם, פאַר וואָס זענט איהר ניט ארויסגעגאַנגען מיט דער טויז?

— איך האָב דאָך געוואוסט, אז איהר מוזט האָבען איין לעז, האָב איך זי אייך אוועקגעגעבען!

— פאר וואָס זשע האָט איהר ניט געטרומפט? איך וואָלט דאָך זיכער אָבגעוואָרפען דאָס צעהנטעל צלם.

פאַניע האָט געזעהען,אז יודין איז גערעכט, נור זי האָט זיך באין אופן ניט געוואָלט אונטערגעבען.

— איז וויפיעל אויגען האָט איהר שוין, מאדאם מאַני־לאָוו?

— פינף!

— הערט זשע, איהר האָט שוין פינף אויגען און איך נאָך גאָר ניט.

— וועל?...

— איהר האָט אזוי גרויס, ווי פינף אויגען, און איך האָב אזוי גרויס, ווי עגמת נפש.

פאַניע האָט זיך צו לאַכט, גליקליך, ווי א קינד.

— זאָגען?

— זאָגט!

— איך האָב מורא, אז איך וועל געווינען די גיים.

— אין לעבען ניט, האָט פאַניע געענטפערט. און עס האָט זי פערדראָסען, פאר וואָס יודין האלט זי פאר אזא שוואכע שפּיעלערין.

— ווילט איהר וועטען, מאדאם מאַנילאָוו?

— וועטען, איז וועטען.

— אין וואָס?

— אין וואָס איהר ווילט.

— אָלל־רייט, איך נעהם אייער וואָרט.

יודין האָט איבערגעטאַשט די קאַרטען, האָט געגעבען פּאַ־ניען ארונטערצונעמען און האָט אויסגעטיילט. פּאַניע האָט ווידער געוואונען אַן אויג, זי האָט געלאַכט און געפּאַטשט אין די הענד פון גרויס פרייד. איצט איז זי שוין זיכער געוועזען, אַז זי וועט געווינען. זי האָט שוין זעקס אויגען, זי בעדאַרף נאָך בלויז האָבען איין אויג, און יודין האָט נאָך גאָר נים.

— פרעהט זיך נאָך נים מיין האַרציגע.

— איי וועט זיין שעהן, אַז מיסטער יודין, דער שפּיעלער, וועט פערשפּיעלען, האָט זי זיך מיט איהם געדרייצט — איך וויים גאָר אליין נים וואָס איך זאָל דאַן פון אייך פערלאַנגען.

— איהר זאָלט פערלאַנגען, וואָס נור איהר אליין וועט וועלען. דאָס אונמעגליכסטע וועל איך ערפיעלען. אַ וואָרט — איז אַ וואָרט.

— געדענקט זשע!

— געדענקט זשע, איהר אויך, מאַדאַם מאַנילאָוו...

פּאַניע האָט אויסגעטאַשט קאַרטען און אויף זייערע בייד־דענס פּנים'ער, איז אויסגעגאָסען געוואָרען פיין. זיי האָבעןביידע געהאַט שלעכטע קאַרטען, און אַזוי ווי איינער וויים נים דעם צווייטענס קאַרטען, האָבען זיי זיך נאָך מעהר געשראָקען איינס פאַר'ן צווייטען.

אריינגעהמענדיג די דריטע קאַרט, איז פּאַניע געוואָרען פרעהליכער. זי האָט אויפגעהויבען די טויז טרומף, דאָס מייד־דעל האָט זי פון פריהער; אַלענפאַלס, איז זי אויסער געפאַהר. וואָלט זי געהאַט די טויז לעקאָף, דאַן וואָלט זי געווען די גליק־

ליכסטע. זי האָט פיער לעקעבער. זי וואָלט דעקען דעם טאש און וואָלט מיט א קליינינקען טרומף גלייך ארויסגעשלאָגען דאָס צעהנטעל טרומף ביי יודינ׳ען, אויב ער האָט עס, נאָך דעם וואָלט זי נאָך אמאָל געשפּיעלט טרומף און נאָכדעם מיט די לעקעבער...

פאַניע האָט אויפגעהויבען נאָך א קאָרט. די טויז רויט. א שטיין איז איהר אראָב פון האַרצען, אָבער טאָמער האָט ער עטליכע רויטס, זי האָט דאָך בלויז צוויי טרומפס.

זי איז ארויסגעגאַנגען מיט׳ן יונגעל לעקעך, וועלענדיג ארויסשלאָגען די טויז ביי יודינ׳ען. יודין האָט אָבער צונע־וואָרפען א יונגעל רויטס. געהט זי ארויס מיט׳ן מיידעל לע־קעך, — ווארפט יודין צו מיידעל רויט, מיינט פאַניע אז יודין האָט קיין לעקעך, געהט זי ארויס מיט׳ן צעהנטעל לעקעך, ערשט ער נעהמט אריין מיט׳ן צעהנטעל טרומף. דאָס האָט זי ניט ערווארטעט. מיט די פריהערדיגע, האָט ער שוין אכט און צוואנציג, היינט האָט ער דאָך די טויז לעקעך און וועט ביי איהר צונעהמען דעם מלך לעקעך, וועט ער שוין האָבען דריי און פיערציג. היינט שפּיעלט ער עפּעס אזוי מאָדנע. פאַניע האָט ניט געוואוסט, וואָס צו טהאָן. מיט וואָס זאָל זי ארויס־געהן ? זיי האָבען זיך ביידע געקליגט. איינע האָט געוואָלט אָבנארען דעם צווייטען, מען איז ארויסגעגאנגען דוקא מיט גרויסע קאָרטען. זיי האָבען געשפּיעלט ווילד, בייז, פערשייט און זיי האָבען ביידע ניט געהאט. פאַניע מיט אַלע טרומפּען האָט געהאט אכט און פופציג און יודין צוויי און זעכציג.

ערשט איצט האָט פאַניע דערזעהן, אז זי איז גאָרניט אזוי

זיכער מיט איהרע זעקס אויגען, וואָס זי האָט, אז אויב יודין זאָל אזוי שפּיעלען כסדר, ווי ער האָט געשפּיעלט דעם לעצטען קאָן, ווייסט זי ניט, אויב זי וועט קענען געווינען.

זיי זיינען ביידע אזוי פערטיעפט געווען, אז זיי האָבען איינס אויפ'ן צווייטען אפילו קיין קוק ניט געטאָן. עס האָט ניט געדויערט קיין צעהן מינוט, האָט יודין שוין געהאט פינף אויגען. ער האָט זיך פאַר קיין זאַך ניט אָבגעשטעלט. האָבענדיג בלויז די טויז טרומף מיט פיער גרויסע צלמ'ער, האָט ער נעדעקט דעם טאַש. ער האָט צוויי מאָל איינס נאָך איינס געגעבען צלם, צוויי מאָל האָט פאַניע געהאט, צום דריטען מאָל האָט זי נעמוזט אריבערנעמען מיט דעם איינציגען טרומף, וואָס זי האָט פערמאָגט. נאָך דעם אז זי איז ארויסגעגאנגען מיט דער טויז גרין, האָט יודין געמוזט טרומפען, ווייל ער האָט קיין גרין ניט געהאט, און איז ווידער ארויסגעגאנגען מיט צלם און האָט גענומען דריי אויגען און גאָר אין גיכען האָט ער געוואונען.

יודין האָט דורכאוים געשפּיעלט, ניט ווי קיין שפּיעלער. ער האָט לייכט געקענט פערשפּיעלען, אָבער א נאַרישקייט, אז זי גילט, איז אויך א חכמה, און ער איז ארוים דער זיעגער.

די גאנצע צייט פון שפּיעלען, איז פאַניע נאָך שטאַרקער פערטיעפט געוועזען פון יודינ'ען. אָבער נאָך דעם, אז זיי האָבען געענדיגט שפּיעלען, איז זי געבליבען זיצען רוהיג, מיט א דינעם ווייכען שמייכעל אויף איהרע ליפּען. זי האָט געקוקט אויף יודין'ען מיט א בעזונדער מילדען, ווארימען בליק. זי איז זעהר נייגעריג געווען צו וויסען, וואָס אזוינס קען יודין

פון איהר פערלאנגען. פערשיעדענע געדאנקען און געפיהלען האָבען זיך געשפּארט אין איהר הארץ אין מח, נור עס איז גע־ווען אויסער איהר מעגליכקייט זיי צוזאמענצונעהמען און זיי פאָר־נאנדערטיילען, און זי האָט ביי זיך גע'פּועל'ט, לאָזען עס געהן, ווי עס געהט זיך.

יודין האָט ארויסגענומען א ציגאר, האָט פערוויכערט און פערפיהרט מיט פאניען א געשפּרעך, וועגען א גאנץ אנדער אנ־געלעגענהייט, וואָס עס האָט קיין שום שייכות ניט מיט זייער שפּיעלען, און האָט זיך די גאנצע צייט געהאלטען אָן דער טהע־מא, אבי אויסצומיידען צו רעדען וועגען דעם, וואָס עס האָט נור וואָס פּאסירט.

פאניע האָט פערשטאנען יודין'ס אויפטהו, און ער איז געשטיגען אין איהרע אויגען; א חוץ דעם, וואָס ער איז אזא גרויסער שפּיעלער, איז ער טאקע א גרויסער דזשענטעלמאן אויך. זי האָט טאקע געוואוסט, אז יודין וועט זיינס ניט לאָ־זען פערלאָרען געהן, ווי די זאך זאָל אָבער נישט זיין שפּעטער, איצט שווייגט ער, דערמאָהנט אַ וואָרט ניט, און דאָס איז אזוי פיין פון איהם.

אין קורצען האָט זיך יודין אָבגעזעגענט און איז אוועק־געגאנגען. משה האָט געבעטען ביי יודין'ען ענטשולדיגונג הלמאי ער איז געווען פערנומען, און יודין האָט איהם געענט־פערט: — אז ער האָט שעהן פערבראכט מיט זיין פרוי, און, אז אבי ער, האָט אָבגעטאָן די נויטיגע ארבייט, וועלכע ער האָט בעדארפט, פרעהט עס איהם נאָך.

— וואָס הערט זיך מאמא, ווער האָט געוואונען? — האָט

משה ערשט שפּעטער א ווײלע זיך דערמאָנט צו פרעגען בײ פאַניען.

פאַניע איז רויט געוואָרען, און האָט געענטפערט: — ער שפּיעלט זעהר גוט!... פאַניע איז ערשט פאַרטאָג אײנ־געשלאָפען.

כמעט די גאנצע נאכט האָט זי געטראכט וועגען יודין׳ען. זײן שטארקער גלויבען אין זיך, האָט זי מאָדנע איבערראשט. אפילו פיזיש האָט יודין אין איהרע אויגען אויסגעזעהן פיעל גרעסער און שטארקער, ווי עס איז אין דער ווירקליכקייט.

הײנט, זײן בענעהמען זיך, זײן ארט רעדען, זײן עדעלע האלטונג בעת׳ן שפּיעלען. נור דאָס איז געוועזען בײ איהר א בײ־זאך. זי האָט געפיהלט מיט איהר גאנצען וועזען, אז די אלע מעלות וועלכע זי זעהט אין איהם, זײנען נים דער עיקר; מיט דיזע מעלות וויל זי בלויז שטילען איהר געוויסען, אָבער טיעף בײ איהר אין הארצען, איז עפּעס וואָס אנדערש... און דאָס וואָס בײ איהר אין הארצען איז פאָרגעקומען, האָט זי אי געשראָקען אי געפרעהט...

ז

אז משה איז אוועקגעגאנגען האָט זיך פאַניע דערפיהלט א סך פרייער, משה'ס אנוועזענהייט דוכט זיך איהר, שטערט איהרע געדאנקען. עפּעס פיהלט זי זיך ניט גאַר אין גאנצען היימיש. איצט אָבער בעת ער איז ניטאָ, מוז זי אלץ גוט בעטראכטען... זי ווייסט, זי איז זיכער, אז יודין וועט באלד קומען, און דאָס ווילט זיך איהר דאָך אזוי שטארק, אזוי שטארק! און נאָך שטארקער ווי עס ווילט זיך איהר, אז ער זאָל קומען, וויל זי, אז ער זאָל דוקא ניט קומען. צו וואָס זאָל ער קומען. צו וואָס זאָל ער קומען, וואָס וועט דערפון דער סוף זיין?... ניין, ס'איז מיאוס אזוי, ניט שעהן. פאַניע האָט דערפיהלט, ווי דאָס פנים ברענט איהר, דער געדאנק, אז זי האָט איהם ליעב, דאָס אליין, וואָס עס איז איהר אזוי אומגעריכט, ווי זי האָט געמיינט, געקומען אויפ'ן זינען, דאָס אליין האָט זי בעשאָמען מיט פייער. זי דארף אנטלויפען אזוי ווי פון פייער. וואָס א שטייגער וואָלט משה געזאָגט, אז ער זאָל דערפון וויסען? וואָס איז דען פארהאַן וואָס צו וויסען? אז ניט, האָט זי דען חלילה משה'ן ניט ליעב. גאָט בעהיט. אדרבא, זי האָט איהם זעהר ליעב. ער איז דאָך אזא טייערער מאן, אזוי גוט צו איהר. אלצדינג, וואָס נור זי וויל פועלט זי דאָך ביי

איהם. היינט ווי ער האָט זי דאָס ליעב, ער ווערט דאָך משוגע פאַר איהר! איז זי אַ לייטישע פרוי, טאָר זי באין אופן ניט זיין אין דער היים, אויב זי דענקט, אז יודין וועט באלד קומען. זי וועט טאַקע גלייך אוועקגעהן פון דער היים. —

פאַניע האָט זיך שנעל אָנגעטאָן און איז אוועק מיט'ן גע־דאנק, צו פאָהרען צום מאַן אין געשעפט. זי האָט זיך געלאָזט געהן צו פוס. זי וועט געהן אזוי לאנג ביז זי וועט שטארק מיעד ווערען, נאָכדעם וועט זי צו פאָהרען. ווייל אין קאר איז פאַר איהר צו ענג, זי מוז זיין אליין, מען זאָל ניט שטויסען יעדער רגע איהרע זייטען, וועט זי קענען טראכטען, ווי געהע־ריג איז.

און געגאנגען איז פאַניע א סך און זעהר גיך, כאָטש זי אליין האָט דערפון ניט געוואוסט, זי האָט געטראכט וועגען מאַן, נור פאַר איהרע אויגען האָט כסדר געשוועבט יודינס גע־שטאַלט. זי האָט איהם אָבער פון זיך פערטריבען, זי האָט זיך אָנגעשטרענגט צו פאַרגעסען אָן איהם, פערגעסען אפילו וואָס פאַר אַ פּנים ער האָט.

אין אמת'ן איז דאָך משה איהר מאַן און יודין אַ ווילד פרעמדער. זי איז דאָך ניט גלייך צו מיסעס רעזניק, קאפּלאַן אָדער לאַפּאַנטען, זי איז דאָך אַ לייטישע פרוי. על פּי יושר וואָלט זי געדאַרפט משה'ן אלץ דערצעהלען, און איהם צו זאָגען, אז ווייטער וועט זי שוין זיין פיינער. נארישקייט, וואָס וועט זי איהם דערצעהלען? דערצעהלען האָט זי איהם ניט וואָס, דערצו וואָס פאַר אַ פּנים וועט עס האָבען...

אז זי איז מיעד געוואָרען געהענדיג, האָט זי געלאָסענער,

קלאָהרער אָנגעהויבען טראַכטען. נאָך וואָס גערהט זי איצט צו משה'ן? וואָס וועט זי איהם זאָגען נאָכמאָל זי איז געקומען? זיי האָבען דאָך עפּעס אָבגערעדט, אז זי זאָל ניט קומען אין געשעפט. משה, האָט איהר געזאָגט, אז ער וויל, אז די אנגע־שטעלטע זאָלען פאַר איהר מעהר אָבשיי־האָבען. אז א בעל הבית'טע קומט אָפט אין געשעפט, פאַרלירען די מענשען פאַר איהר דעם אָבשיי. משה איז גערעכט. דאָס איז זי זיכער, זי געדענקט דאָך ווי זיי האָבען זי געבאַדערט, בעת זי פלעגט קומען אָפט. וואָס זשע וועט זי איהם פאַרט ענטפערען נאָך וואָס זי איז געקומען? זי האָט ניט געוואָלט זיין אליין אין דער היים. פאַרוואָס? ווייל יודין דאַרף קומען. וואָס מיינט דאָס, ערשטענס פון וואַנען ווייסט זי, אז ער דאַרף קו־מען? און אויב ער וועט אפילו קומען איז וואָס?... ניין, זי קען ניט געהן אין סטאָר. זי וועט בעסער אָט אזוי נאָך אבי־סעל ארומגעהן, און נאָכדעם וועט זי קומען א היים, וועט זיך פערשפּאַרען אין שטוב, און מעג מען קלינגען און אפילו קלאַ־פּען וויפיעל מען וויל און ווער עס וויל, זי וועט ניט עפענען די טיהר ביז האלב נאָך זיעבען, ביז משה וועט קומען.

פאַניע האָט זיך צוריקגעקעהרט, און זיך געלאָזט געהן טריט ביי טריט. זי האָט געוואָלט טראַכטען וועגען מאַן. נור וועגען מאַן, און אויף צו להכעיס האָט זיך איהר געטראַכט וועגען מיסעס רעזניק און די איבריגע פרויען. זי האָט זיך דער־מאָנט אלע זייערע רייד, האָט זיך אריינגעטראַכט אין זיי און ערשט איצט, האָט זי בעגריפען זייער ריכטיגען זין. נור מערק־ווירדיג, אי זי האָט זיך ניט געשעהמט טראַכטענדיג דערפון,

אי זי האָט ביי זיך אין האַרצען ניט געפיהלט קיין פּונק פאַר־דרום ניט צו מיסעס רעזניק, ניט צו אַלע איבריגע.

„זיי" האָבען אַלע געמוזט האָבען א סך מענער" און פאַניע האָט משונה'דיג הנאה געהאַט פון'ם געדאַנק, וואס „זיי" האָבען געהאַט א סך מענער? זי וואָלט זעהר וועלען וויסען, אויב זייערע מענער ווייסען דערפון און וואָס זיי זאָגען דערויף? צו ווייסט משה, אַז זיי האָבען געהאַט א סך מענער? געוויס ווייסט ער. ערשט איצט פערשטעהט זי. אַז ניט, וואָלט ער איהר דאָך ניט געזאָגט, אַז ער וועט ניט בייטען איהר איין וואָרט, איין קוק אויף זיי אַלעמען. אַז זיי דאַרפען האָבען א זכיה צו ריידען מיט איהר.

ווי נור פאַניע איז געקומען אהיים, האָט איהר א שכינה דערצעהלט אַז באַלד נאָך איהר אוועקגעהן, איז דאָ געוועזען א שעהנער דזשענטעלמאַן, זעהר סוועל געקליידעט און האָט זעהר לאַנג געקלינגען פריהער הינטען און נאָך דעם אויבען.

לויט אַלע סמנים, איז עס געוועזען יודין. פאַניע איז נער־וועז געוואָרען. זי האָט האַסטיג אויפגעמאַכט די טיר, און פערגעסענדיג זי צו פערמאַכען, האָט זי זיך מיט די קליידער א וואָרף געטאָן אויפ'ן סאָפאַ.

אין שטוב איז שוין געוועזען פינסטער, נור פאַניע האָט קיין ליכט ניט געוואָלט אָנצינדען. זי איז געלעגען און האָט אַלץ געטראַכט פון מיסעס רעזניק, און די איבריגע. זי האָט זיך אַליין בעשאַפען בילדער, ווי אַזוי זיי גיבען זיך אוועק... ווי אַזוי און וואָס זיי רעדען צווישען זיך. און צו איהר גרויסען וואונדער, האָט זי געפיהלט, אַז מיט געוויסע רייד זייערע, איז זי מסכים, אינגאַנצען מסכים...

זי האָט פּלוצלינג דערפיהלט א שטארקע קעלט, עס האָט אזא בלאָז געטאָן, אז דער טישטאָך האָט זיך אזש פערהויבען, זי האָט זיך אָנגעהויבען ארומקוקען, איהר האָט זיך טאקע גע־דוכט, אז ארייגקומענדיג, האָט זי וואָס פערגעסען, און זי האָט זיך דערמאָנט, אָז דער אָפענער טיהר. זי האָט פערמאכט די טיר, אָנגעצינדען פייער, און איז א בייזע, צורייצטע ארומגע־גאנגען הין און צוריק איבערן חדר. זי וועט היינט ניט קאָכען קיין סאפּער. מען וועט עסען דעליקאטעסען. זי האָט געננוג אין שטוב.

זי איז ארומגעגאנגען איבערן שטוב און האָט געטראכט און האָט געקלעהרט אליין ניט וויסענדיג וואָס זי טראכט, און וועגען וואָס זי קלעהרט. זי האָט זיך געפיהלט בעליידיגט ער־נידריגט און האָט פון פערדרוס אָנגעהויבען וויינען. זי האָט געוויינט, מיט געשמאק, ווי זי וואָלט דערפון א בעזונדער פער־געניגען געהאט. ערשט משה קלינגט.

אריינקומענדיג האָט ער זיך דערשראָקען : — וואָס איז דאָס ?..

— נאָכמאל, האָסטו מיך בעקאנט מיט מיסעס רעזניק און מיט אלע איבריגע פרויען ?... נאכמאל, נאכמאל ! !... האָט זי איהם צאָרענדיג געפרעגט.

— וואָס איז דען ? וואָס איז ?...

— זיי האָבען דאָ גערעדט מיאוסע רייד און איצט טראכט איך כסדר דערפון...

משה האָט זיך אביסעל פערוואונדערט, אביסעל דערשראָ־קען און ניט געוואוסט, וואָס ער זאָל איהר ענטפערען. ער האָט

זי אָנגעהויבען קושען, צערטלען, זוכען אַלץ מיט וואָס איהר צו קאווירען. ער איז צו איהר געוואָרען אַלץ צו געלאָזטער, וואַרימער, אינטימער. און זי האָט איהם פון זיך אַלץ מעהר אָבגעשטויסען. אָבער ער האָט זיך דערפאַר ניט אָבגעשראָקען, ער האָט געטאָן זיינס... מיט אמאָל, צו זיין גרויס איבעראַשונג האָט פאַניע זיך אויף איהם א וואָרף געטאָן, מיט אזא אימפּעט, אזוי ווילד, האָט אָנגעהויבען קושען און בייסען זיינע באַקען, זיין האַלז, האָט פון זיך אָנגעהויבען רייסען די קליידער...

ליגענדיג פעסט געקלאַמערט אין מאַן׳ס ארעמס, איז אויף פאַניען אָנגעפאַלען א ווילדער פערלאַנג זיך צו שרייען: יודין! יודין! יודין!...

אָבער נאָך א שטאַרקערע קראַפט האָט זי ניט דערלאָזט און זי האָט איינעסענדיג זיך אין משה׳ן געשריען:

— דערשטיק מיך, צוריים מיך, צו רייס מיך אויף פּיצפּיצלאָך!...

* * *

אין דערפריה, פאַר׳ן אוועקגעהן האָט זי משה געקושט, געצערטעלט, האָט איהר געזאָגט, אז ער האָט פאַר איהר א סורפּריז, און האָט זיך געפיהלט אזוי גליקליך, אזוי צופריעדען. נור, זי, פאַניע האָט איהם אויף אַלע לאַסקעס גאַר ניט געענטפערט. זי האָט נאָך געהאַלטען פאַר א גרויסע טובה, וואָס זי לאָזט זיך פון איהם קושען, צערטלען. דאָך בעת ער איז שוין ניט געוועזען האָט זי דערויף חרטה געהאט. זי האָט דורכאויס געטראַכט נור פון איהם, און האָט זיך געסטאַרעט, מיט אַלע איהרע מעגליכקייט צו טראַכטען וועגען איהם גוט, פיין, אזוי

ווי אַמאָל, ווי ביז אַהער: ער איז דאָך פּאָרט כסדר פערהאַ־ וועט, און אַלץ צוליעב וואָס, צוליעב וועמען? איז זי דען ניט די בעל־הבית׳טע איבער אַלץ? אַלץ איז דאָך אויך איהרס אַזוי ווי זיינס. לאָזט ער זי דען ניט אויסגעבען קיין געלד ווי־ פיעל נור איהר הארץ געלוסט, אדרבא, ער איז נאָך צופריע־ דען. קיין מאָל האָט ער איהר גאר ניט פארגעוואָרפען, ניט געפרעגט ביי איהר וואו זי טוט עס אהין... און נאָך גוטע מעלות האָט זי געזוכט און געפינען אין׳ם מאַן און מערקוויר־ דיג, וואָס מעהר גוטעס זי האָט אין איהם געפונען, אַלץ קעל־ טער, אַלץ ווייטער און פרעמדער האָט זי זיך פון איהם דער־ פיהלט. אָנפאַנגס האָט איהר הנאה געטאָן, וואָס זי טראַכט פון איהם אַזוי גוט, פאַר וואָס יודין קומט איהר ניט אופן זינען, צו ביסלעך אָבער האָט עס זי אָנגעהויבען פערדריסען, ס׳איז ניט אמת, משה, איז גאָר ניט אַזוי גוט, ווי זי רעדט זיך איין. אז זי וואָלט נור וועלען, וואָלט זי זיך געגוג שלעכטעס געקענט דערמאָנען... און באַלד האָט זי צו איהם דערשפּירט עפּעס א מין געפיהל, וואָס ס׳איז ניט סימפּאַטיש און ניט אַנטיפּאַטיש, עפּעס אַזוי שווער־גלייכגילטיג: און ווי זי האָט עס נור דער־ פיהלט, האָט זי ווידער, בכיון אָנגעהויבען אויסרעכענען זיינע גוטע מעלות, אָבער איצט האָבען זיי אויסגעזעהן אַזוי לעכערליך אין איהרע אויגען. ער האָט עס אַלץ געטאָן, ווייל ער איז דער־ צו געוועזען געצוואונגען... פאַר וואָס אַרט זי מעהר פאַר איהם ניט? זי פיהלט, ווען משה וואָלט היינט געשטאָרבען, וואָלט זי ניט געוויינט! ניין, זי וואָלט ניט געוויינט. זי וואָלט גע־ זעסען נאָך איהם שבעה, יודין וואָלט זי געקומען טרייסטען.

אויף דערנאכט וואָלט ער פערבליבען מיט איהר. זי וואָלט איהם פערהאלטען. זיי וואָלטען געוועזען אליין אין צווייען...

אפשר איז גאָר יודין ברוגז? ס'קען זיין, אז ער איז ברוגז. ער האָט דאָך פערשטאַנען, אז זי איז אומיסטנע אוועקגעגאנגען פון דער היים... זי האָט עס ניט געדאַרפט טאָן. ער וועט מיינען, אז זיי מיידט איהם אויס, ווייל זי שרעקט זיך, טאָמער וועט ער מאָנען זיין געווינס!... וואָס אופן שטייגער קען ער פון איהר וועלען?

ניין, זי האָט ניט געדאַרפט אוועקגעהן. הלואי קומט ער איצט, וואָלט זי די ערשטע איהם געזאָגט: — מיסטער יודין, נו, זאָגט וואָס אייך קומט. לאָמיר זיך צו צאָהלען... ער מוז דאָך זיין זעהר אָן ארעמער, ער לעבט דאָך בלויז פון זיינע לעסאָנס.

אָך, ווי אזוי מאָדנע ער קוקט אויף איהר שטענדיג. שטענדיג קוקט ער אויף איהר, זי האָט עס בעמערקט. און ווי נור ער בעמערקט, אז זי זעהט עס, אזוי כאפּט ער גלייך צו די אויגען... ניין, זי האָט ניט געדאַרפט אוועקגעהן פון דער היים... ס'איז ניט שעהן, זי האָט געהאַנדעלט ניט שעהן...

פאַניען האָט באמת באנג געטאָן, הלמאי זי איז אוועקגעגאנגען פון דער היים. זי האָט צו איהם דערפיהלט אזעלכע פריינדליכע, טרייע געפיהלען, און איהר האָט זיך שוין גיכער געוואָלט דערלעבען, אז יודין זאָל ווען קומען, און זי זאָל קענען פערגלעטען איהר עולה. זי האָט זיך אויפגעהויבען פון געלעגער, אויף זיך ארויפגעכאפּט דעם מאָרגען מאנטעל און איז אוועק אין קיך מאכען פאר זיך קאַקאָו, ערשט עס קלינגט ווער. איינס נאָך איינס און אזוי אומפּעדיג. נאָך איידער זי האָט אב־

געקלונגען צוריק, האָט מען שוין געקלינגען אויבען, אין אריינ־גאנגס־טיהר.

— הו איז דער ?...

מען שווייגט...

— הו איז דער ? ! האָט זי פרעהלאך־דערשראָקען אויס־געשריען.

— יודין... ס'איז יודין...

א גליקליכע האָט זי די טיהר געעפענט און איז אליין ענט־לאָפען אין שלאָף־צימער, זיך אָטהאָן :

— איך האָב פון אייך נור וואָס געטראכט, — שרייט צו איהם פאניע פון שלאָף־צימער. — און גלייך האָט זי חרטה, צו וואָס זי האָט עס געזאָגט — צו וואָס, צו וואָס האָט זי עס געדארפט זאָגען ? זי איז נור משוגע — זיצט, זעצט זיך מר. יודין, איך טו זיך אָן, איך קום גלייך צו אייך ארויס.

יודין האָט אויסגעזעהן, אזוי רחמנות'דיג, אזוי עלענד. און פאניען האָט אויף איהם אזוי געקלעמט דאָס הארץ, אזוי שטארק...

וואָס פאָרט, וואָס זאָל זי טאָן, אום איהם צו פערגרינגערן. זי וויל איהם וואָס זאָגען, איהם ענטפערען, נור זי קען ניט. דאָס לשון האָט ביי איהר אָבגענומען. פאר וואָס צאַפּט ער איהר בלוט, וואָס אזוינס זאָל זי טאָן צו פערגרינגערען זיינע ליידען...

יודין איז צו איהר צוגעגאנגען, האָט ארייגענומען איהר האנד אין זיינער : — זייט מיר מוחל פאניעטשקע, צוליעב מיין גרויסען אונגליק, דארפט איהר מיר אלעס מוחל זיין !

— „וואָסער אונגליק ?" — זי האָט איהם גאָר נישט גע־ענטפערט. וואָס איז מיט איהר געשעהן.

— פאַניעטשקע... איך וועל שטאַרבען פון ליעבע צו אייך... איך בין דער אונגליקליכסטער אין דער וועלט... אָדער..., מיין אונגליק...

— זייט מיר מוחל פאַניעטשקע... איך בין אייך נישט ווערטה...

וואָס האָט מיט איהר אזוינס געטראָפען ?

זי זיצט ביים יודין'ען אויפ'ן שויס. ער קושט איהרע אויגען, דעם האלז... ער דריקט זי שטאַרק צו זיך...

איהר פנים פלאַמט איהר שטאַרק. און פון צייט צו צייט ווישט זי אוים מיט איהרע דינינקע פינגער א טרעהר פון יודין'ס אויגען. און עס ווילט זיך איהר אזוי שטאַרק אז יודין זאָל איצט וויינען.

— וואָס איז אייך, פאַניעטשקע ?...

— גאָר ניט, גאָר ניט...

איהר הארץ האָט אזא ציטער געטאָן, ווי אימיצער מיט א קרעפטיגער האנד וואָלט עס ארים געטאָן.

אָבער יודין'ס שטימע — זיין שטימע דרינגט אריין צו איהר אין הארצען, אין נשמה און עס געהט זיך דאָרט פונאנ־דער אין אלע חדרים'לאך... עס איז איהר אזוי גוט, זי איז אזוי גליקליך... פעסטער, שטאַרקער זאָל ער זי דריקען צו זיך.. זאָל ער זי אריינזעצען צו זיך אין הארצען.

מיט א צניעות'דיגען שמייכעל אויף איהרע שעהנע, דינע ליפּען, מיט א שמייכעל פון ה'עלכעס עס האָט געטריפט, ליע־

בע, גליק און פערגעבונג, איז זי געזעסען אויף זיינע הענד, אין גאַנצען אין זיין רשות...

— פאַניעטשקע, פאַניעטשיקע, מיין גאַנץ לעבען איז אין אייערע הענד, אין דיינע, אין דיינע מיין טייערע...

— — — — — — — — — — — — — — — — —

פאַניע ווייס ניט וואָס מיט איהר האָט געטראָפען. עפּעס האָט זי אזוי ווי א שמוים געטאָן, און זי פליהט און פליהט און קען זיך ניט אבשטעלען.



פערטייטשונג פון די ענגלישע ווערטער.

איז איט — איז עס.
איי דאָנט לייק — איך ליעב ניט.
אין יור לייף — אין אייער לעבען.
אל געט יו — איך וועל אייך פּאַקען.
אלל־ראַיט — גאַנץ גוט.
באַרגיין — מציאה.
ביזי — בעשעפטיגט.
ביזנעסמאן — געשעפטסמאַן.
בלאָפערל — אבנארערל.
בעד באָי — שלעכטער איינגעל.
גאָ־העד — געהט שוין, געהט.
גוד נייט — גוטע נאַכט.
גלאָווס — האַנד־שוה.
געבאדערט — בעאונרוהיגט.
געים — שפּיעל.
געמבלער — אויסוואורף, שאַרלאַטאן.
גראָסערי — שפּייז קראָם.
געקעטשט — געפּאַקט.
דאון־טאון — אראָב־שטאדט.
דאָנט דו דהאט — ניט טוט דאָס.
דאנ׳ט — ניט.
האו דו יו דאו — וואָס מאַכט איהר.
וואַי — פאַרוואָס.
וועל — נו, מילא?
טהענק יו — אַ דאַנק אייך.
טו גאָ דער — צו געהן אהין.
טרומף — קאָזיר.
טרי טשירס — האָך.
לאָיער — אדוואָקאַט.
לעטערס — בריעף.
לעסאָנס — לעקציאָנען.
נאַט — ניע.
גאָ — ניין.
נוירס — באַרעמהארציגע שוועסטער.
נייט אָלרעדי — שוין נאַכט.
נעווער — קיינמאָל.
נעווער מיינד — ניש׳קשה.
סאַפּער — אבענד מאָהלצייט.
סוירטענלי — זיכער.
סיידוואָקס — טראטואַרען.
סוועל — עלעגאַנט.
סער — האַרר.
עקספּיריענס — געניטקייט.
פאָרליידי — אויפזעהערין.
קאָנטרי — דאָרף, אויפ׳ן לאַנד.
קאָלד — קאלט.
קעהר — אינטערעסירט.
קערפול — פאָרזיכטיג.
רילי — ווירקליך.
שאַפּ — ווערקשטאַט.
שור — געוויס.